# פרשת חיי שרה י"ט - כ"ה חשון תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ו סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה שטייט, אז אברהם אבינו האט געזעהן שלשה אנשים נצבים עליו, איז ער געלאפן אקעגן זיי, און ער האט זיי געבעטן אז זיי זאלן אריינקומען אין שטוב. און ער האט זיי געזאגט, ואקחה פת לחם, איך וועל נעמען א שטיקל ברויט און ענק געבן, וסעדו לבכם, און איר וועט זיך זעטיגען דאס הארץ, אחר תעבורו, כי על כן עברתם על עבדכם (בראשית יח-ה) וועגן דעם זענט איר אדורכגעגאנגען נעבן ענקער קנעכט. בפשטות איז דער טייטש, כדי איך זאל ענק קענען געבן צו עסן. רש"י שטעלט זיך שוין דערויף, וועגן דעם זענען זיי געקומען, ווייל זיי האבען געוואלט האבן די ברויט פון אברהם אבינו?! זיי האבען דאך געוואלט גיין ווייטער, זיי האבן זיך נישט געוואלט אפשטעלן, און אברהם אבינו האט זיי געדארפט בעטן, אל נא תעבור מעל עבדך, ער האט זיי געריפן אז זיי זאלן אריינקומען צו אים אין שטוב. און צום סוף זאגט אברהם, קומטס אריין, און איך וועל ענק געבן צו עסן ברויט, ווייל וועגן דעם זענט איר אדורכגעגאנגען דורך מיין שטוב.

**איך** האב געזעהן ברענגען א מעשה פון א ליטווישן גדול, מען קען נוצן די מעשה פאר א מוסר השכל. אינדערהיים אין די ליטא איז מען געפארן פון איין שטאט צום אנדערן מיט די באן. און דער גדול איז געווען אין דער פרעמד, און ער האט געוואלט אהיימפארן צו זיך אין די שטאט אויף שבת. איז ער געפארן מיט די באן, ווי דער סדר איז. ווען ער איז ארויף אויף די באן, איז געווען דארט א צווייטער יוד, און זיי האבן זיך צוזאמגעזעצט צוויי יודען איינער נעבן צווייטען. יענער איז געווען א תלמיד חכם, און א שוחט און א מוהל, און מען האט אנגעהויבען צו שמועסן אין לערנען, און מען האט זיך מפלפל געווען, ביז מען האט זיך אריינגעטון אזוי אינעם לערנען, אז מען איז אדורכגעפארן די סטאנציע וואו מען האט געדארפט אראפגיין, און מען איז געפארן און געפארן, און נאך א שעה וועקן זיי זיך אויף, און זיי זעהן אז זיי זענען פארפארן ערגעץ ווייטער פון וואו זיי האבן געוואלט אראפגיין. עס איז געווען פאר שבת, און עס איז שוין נישט געווען א באן אז מען זאל קענען צוריקפארן, און זיי האבן געהאט גרויס עגמת נפש, וואו וועלן זיי זיין דא אין די פרעמד אויף שבת. קיין ברירה האבן זיי נישט געהאט, זענען זיי אראפגעגאנגען ביי די סטאנציע וואו זיי זענען געווען.

**ווען** זיי קומען אראפ פון די באן, זענען זיי צוגעגאנגען צו די בעלי עגלות דארט, און זיי האבען געפרעגט, צו עס איז דא יודען אין די שטאט. האבען זיי געזאגט, יא. עס איז דא איין יוד וואס וואוינט דא אין די שטאט, און זיי וועלן צוטראגען צו דעם יוד. ווען זיי זענען אנגעקומען צו דעם יוד אין שטוב, און זיי האבען געזעהן א מזוזה אויף די טיר, האבן זיי זיך געפריידט, זיי האבען געזעהן, אז עס איז דא דא א שומר תורה ומצוות. דער יוד עפענט די טיר, און ער איז זיי מקבל מיט א געוואלדיגע שמחה. און ער פרעגט זיי, צו איינער פון זיי איז א מוהל. זאגט דער יוד, יא, איך בין א מוהל און א שוחט. זאגט ער, עס איז מיר געבוירן א קינד, און היינט איז דער אכטער טאג, וואס איך דארף מל'ן מיין קינד. דאס קינד איז נישט געווען געזונט, האב איך נישט געוואוסט אז איך וועל דארפן מאכען דעם ברית, יעצט בין איך געווען ביים דאקטער, און דער דאקטער האט געזאגט, אז מען קען מאכען דעם ברית. איך בין דא אליין, איך האב נישט קיין מוהל, און איך קען נישט אריינפארען אין די שטאט. און איך האב געהאט גרויס עגמת נפש, אז עס זאל נישט אדורכגיין דער אכטער טאג, און איך זאל נישט מאכען א ברית פאר מיין קינד. בין איך געגאנגען, און איך האב געזאגט תהלים, איך האב מתפלל געווען צום אייבערשטען, דער באשעפער זאל מיר מזמין זיין א מוהל, אז איך זאל קענען נאך היינט מל'ן דאס קינד. און אזוי ווי איר זענט אנגעקומען, און איך האב געפרעגט, צו איינער איז א מוהל, און איר האט געזאגט יא, האב איך א געוואלדיגע שמחה, אז איך קען מל'ן מיין קינד. האבען זיי זיך מסדר געווען, איינער איז געווען דער מוהל, און איינער איז געווען דער סנדק, און מען האט גע'מל'ט דאס קינד דעם אכטן טאג.

**האט** זיך דער גדול אנגערופן פאר דעם צווייטען יוד, מיר האבען געהאט עגמת נפש אז מיר האבן זיך פארלערנט, און מיר האבן פארבלאנדזשעט אין דער פרעמד, און מען וועט נישט זיין אינדערהיים אויף שבת. מיר האבן זיך גארנישט פארבלאנדזשעט. פון הימל פירט מען די וועלט, דער רבונו של עולם האט געהערט די תפלות פון דעם יוד, אז ער דארף האבען א מוהל, האט ער אונז געלאזט אויפן באן, אז מיר זאלן זיך פארשמועסן מיטן לערנען, כדי מיר זאלן קענען אנקומען אהער.

**האט** דער גדול געזאגט, אז יעצט פארשטייט ער א רש"י די וואך אין די פרשה (בראשית כא-יד). דער פסוק זאגט ביי הגר, ווען אברהם אבינו האט איר אוועקגעשיקט מיט ישמעאל, ותלך ותתע במדבר באר שבע, זי איז געגאנגען, און זי האט זיך פארבלאנדזשעט, אינעם מדבר. און רש"י זאגט, ותתע, חזרה לגלולי בית אביה, זי איז צוריק געגאנגען דינען עבודה זרה, אזוי ווי ביי איר פאטער אין שטוב. רש"י טייטש דאך נאר אין פשוטו של מקרא, אין פסוק שטייט נאר אז זי האט זיך פארבלאנדזשעט, פארוואס זאגט רש"י, אז ותתע איז נישט געבלאנדזשעט, נאר אז זי איז געגאנגען דינען עבודה זרה. האט ער געזאגט, איינער וואס ווערט נתחנך ביי אברהם אבינו אין שטוב, ווייסט אז א יוד בלאנדזשעט נישט. אז א יוד איז אנגעקומען ערגעץ, איז א סימן אז פון הימל האט מען אים צוגעפירט אהין. מן הסתם האסטו דא עפעס וואס אויפצוטון, און וועגן דעם האט מען דיך אהערגעברענגט. מה' מצעדי גבר כוננו (תהלים לז-כג), דער אייבערשטער פירט יעדען מענטש אין זיין וועג, אלעס איז אויסגעמאסטן. יעדן טאג זאגט מען א ברכה, המכין מצעדי גבר, דער אייבערשטער מעסט אויס די טריט פון יעדן יוד, וואו ער דארף אלץ אנקומען. אמאל ווייסט מען פארוואס מען איז אהין אנגעקומען, מען ווערט געוואר שפעטער, און אמאל ווייסט מען נישט. אבער בלאנדזשען איז ביי א יוד נישט דא. מען בלאנדזשעט נישט, אלעס איז מיט א חשבון פון הימל, וואס מען פירט יעדן איינעם וואו ער זאל אנקומען. אז די תורה זאגט ביי הגר, אז זי האט געבלאנדזשעט, איז א סימן אז זי האט פארגעסן וואס זי האט געלערנט ביי אברהם אבינו אין שטוב, און זי איז צוריקגעגאנגען לגלולי בית אביה, צו דינען עבודה זרה. ווען זי וואלט נישט צוריקגעאנגען צו גלולי בית אביה, וואלט זי געוואוסט, אז עס איז נישט דא קיין ותלך ותתע, מען בלאנדזשעט נישט. אז מען איז ערגעץ אנגעקומען, איז עס מן השמים. עד כאן המעשה.

**אברהם** אבינו איז דאך געווען דער בעל החסד, און ער האט געזוכט צו טון חסד וואו ער האט געקענט. ביי אים, איז א טאג, וואס ער האט נישט געטון קיין חסד, נישט געווען גערעכנט פאר א טאג. מען זעהט אז דעם דריטן טאג, שלישי למילתו, כחום היום, זוכט ער אורחים. און הוציא הקב"ה חמה מנרתיקה, און קיינער קומט נישט. האט אברהם אבינו זיך געזעצט מתפלל זיין, רבונו של עולם, איך קען נישט אדורכגיין א טאג וואס איך טו נישט קיין חסד. מענטשן גייען דא היינט נישט קומען, עס איז הוציא חמה מנרתיקה, ווי אזוי קען איך אדורכלאזען דעם טאג, און איך וועל נישט טון קיין חסד. און אז אברהם אבינו איז מתפלל, הערט מען דאך צו פון הימל. מענטשן האט מען נישט געקענט שיקען, ווייל קיינער גייט נישט ארויס אין אזא היץ, האט מען אראפגעשלעפט דריי מלאכים פון אויבן אין הימל, וואס מען האט זיי געשיקט בדמות אנשים, כדי צופרידען צו שטעלן אברהם אבינו.

**וישא** עיניו, אברהם אבינו הייבט זיך אויף די אויגען, וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו, ער וויל טון חסד און עס קומען אן דריי אנשים. זאגט ער פאר די דריי אנשים, וואס איז ענק עפעס איינגעפאלן צו גיין אינמיטן אזא הייסן טאג אינדרויסן, עטץ מיינטס מן הסתם אז וועגן געשעפטן דארפט עטץ גיין. דו האסט צו ערלעדיגען די זאך, און דו דארפסט ערלעדיגען א צווייטע זאך. ניין, עטץ זענטס אהער אנגעקומען ווייל איך האב מתפלל געווען אז איך דארף האבען אורחים. כדי איך זאל ענק קענען געבן א שטיקל ברויט, וועגן דעם זענט עטץ אהערגעקומען. ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו, כי 'על כן' עברתם על עבדכם, ענקערע חשבונות איז אפשר געווען עפעס אנדערש, אבער עס איז נישט א נארמאלע זאך אז אין אזא וועטער זאל מען ארויסגיין אויפן וועג. אבער אז איך האב מתפלל געווען, איך דארף האבען פאר וועם צו טון עפעס א חסד, כי על כן, וועגן דעם, עברתם על עבדכם, האט מען פון הימל צוגעפירט אז מען זאל אדורכגיין.

**די מוסר השכל דערפון איז, א יוד דארף וויסן, אז וואו מען גייט איז אלעס אויסגערעכנט, עס איז מיט א חשבון פונעם אייבערשטען. אמאל גייט מען אויף א פלאץ, מען וויל דארט אויפטון עפעס, און מען איז מצליח, זעהט מען די הצלחה תיכף. און אמאל ערגערט מען זיך, מען איז ערגעץ אנגעקומען, און מען האט געוואלט עפעס טון, און עס איז נישט געלונגען אזוי ווי מען האט געוואלט. מען דארף געדענקען, אז טאמער עס איז ותתע, מען בלאנדזשעט, איז א סימן אז מען איז חזרה לגלולי בית אביה. א יוד איז אויסגערעכנט, וואו ער גייט דארף ער וויסן אז מה' מצעדי דבר כוננו, עס איז אויסגערעכנט פון הימל וואס ער דארף אויפטון אויף דעם מקום.**

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יודל קריינדלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף לינדער** הי"ו, שהתקיים באולם שם טוב מענאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **אברהם מענצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב קליין** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת חיי שרה</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **צבי יהודא שטייף** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובסנדקאות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**ווען** אברהם אבינו האט געשיקט אליעזר זוכען א שידוך פאר יצחק, האט ער גערופן אליעזר, זקן ביתו, המושל בכל אשר לו, און ער האט אים געזאגט, שים נא ידך תחת ירכי, ער האט אים משביע געווען מיט די מצוה פון מילה, עס איז געווען ביי אים חביב, עס איז אים אנגעקומען מיט צער, אז ער זאל נעמען פאר יצחק א אשה, מבנות משפחתו, און נישט פון די בנות הכנעני (בראשית כד-ב). ער גיט דעם טיטל אויף אליעזר, אז ער איז געווען זקן ביתו, דער עלטסטער אין זיין שטוב. המושל בכל אשר לו, ער האט געוועלטיגט אויף אלעס וואס האט געהערט צו אים. און נאכדעם האט ער אים געזאגט שים נא ידך תחת ירכי. די גמרא (יומא כח:) דרש'נט, אז זקן ביתו גייט ארויף, אז ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה. ער איז געזעסן און געלערנט, דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים. ואברהם זקן (בראשית כד-א) אברהם איז געווען א זקן ויושב בישיבה, און אליעזר איז אויך געווען זקן ביתו.

**אויף** די תורה שטייט חרות על הלוחות (שמות לב-טז), דרשנ'ט די משנה (אבות ו-ב), אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, א בן חורין איז נאר איינער וואס לערנט תורה. די מפרשים זענען מסביר, ווילאנג א מענטש לערנט נישט קיין תורה, איז ער נישט א פרייער מענטש. ער איז א עבד צו זיינע רצונות, ער איז א עבד צו זיין גוף. אפילו ער פארשטייט אויף א זאך אז מען דארף עס נישט טון, האט ער נישט די כוחות אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין דערויף. עס קומט א תאוה, ער פארשטייט אז ער דארף עס נישט טון, אבער ער איז צוגעבינדען, ער קען זיך נישט אקעגען שטעלן. עס קומט אמאל א תאוה פון געלט וכדומה, האט ער נישט די כוחות אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף זיך. ער איז נישט א בן חורין, ער איז נישט א פרייער מענטש, אז ער קען טון וואס ער וויל, ער פאלט אדורך. אבער איינער וואס זיצט און לערנט תורה, דער איז א בן חורין, ער איז פריי. וואס ער וויל טוט ער, און וואס ער וויל נישט טון טוט ער נישט, ער האט די כוחות זיך מתגבר צו זיין אויף יעדע זאך.

**אליעזר** איז געווען א מושל בכל אשר לו, די פשוטע פשט איז, אז ער האט מושל געווען אויף אלעס וואס געהערט פאר אברהם. אבער אליעזר איז אויך געווען א מושל בכל אשר לו, אויף אלעס וואס איז נוגע צו אים, איז ער געווען דער מושל. ער איז נישט געווען איבערגעגעבן אין זיין האנט, אז ער איז געווען א עבד צו זיין גוף, נאר ער איז געווען דער מושל בכל אשר לו, וואס פאר א מצבים עס האט זיך אים

געמאכט, איז ער געווען דער מושל וואס האט זיך געקענט מתגבר זיין.

**פון** וואו האט ער געהאט די כוחות, אז ער זאל קענען זיין א מושל בכל אשר לו? ווייל ער איז געווען זקן ביתו. אז מען זיצט און מען לערנט, מען איז חרות על הלוחות, איז מען א בן חורין, און מען קען זיין נאכדעם א מושל אויף אלעם. אפילו ער האט א נגיעה דערצו, פון דעסטוועגן דאך וועט ער קענען מושל זיין דערויף.

**אליעזר** האט דאך געהאט דא א געוואלדיגע נגיעה אין דעם שידוך. אלי כתיב (בראשית כד-לט). ער האט געטראכט, אז ער קען נעמען יצחק פאר א איידעם. און אזא שידוך, אזא מחותן ווי אברהם אבינו, און אזא איידעם ווי יצחק, וועט ער נישט געפונען נאך איינס אין די וועלט. די נגיעות וואלטן אים געקענט פארבלענדן די אויגען, אז ער זאל נישט אויספירען די שליחות, און טרעפן א וועג אז מען זאל מוזען צוריקקומען, און עס זאל זיך נישט ענדיגען דער שידוך דארט ביי לבן אין שטוב. אבער ער איז געווען זקן ביתו. אברהם האט געוואוסט, אז אויב אליעזר זיצט און לערנט, איז ער א מושל בכל אשר לו, ער קען זיין אויף זיך א מושל. האט ער אים געטרויט, אז ער קען אים איבערגעבן דעם שליחות.

**דער** באשעפער האט געהייסען, אז אויף יעדן קינד זאל מען ארויפלייגען א חותם פון ברית מילה. יעדע חותם וואס א עבד באקומט, קען מען עס אראפנעמען פונעם עבד. אבער א חותם פון ברית מילה, איז פיר און צוואנציג שעה אויף דעם מענטש. זיין גאנץ לעבן, וואו ער גייט און וואו ער שטייט, אין וואס פאר א מצב ער איז, וואס פאר א נסיון עס מאכט זיך פאר אים, דארפסטו וויסען אז דו ביסט א עבד פארן אייבערשטען, דו קענסט נישט טון וואס דו ווילסט. דער אייבערשטער האט דיך חותם געווען, על בריתך שחתמת בבשרנו, אז וואו דו גייסט, זאלסטו שטענדיג האבען מיט זיך דעם חותם.

**האט** ער אים געזאגט, איך ווייס אז דו האסט יעצט א גרויסען נסיון, צו גיין אויף דעם פלאץ וואו איך שיק דיך, צו זוכען א שידוך פאר יצחק. אבער שים נא ידך תחת ירכי, מצות מילה וועט דיך לערנען, אז וואו מען איז, אין וואס פאר א מצב מען איז, דארף מען אייביג זיין א עבד פארן אייבערשטען. דו ביסט דאך זקן ביתו, דו ביסט א מושל בכל אשר לו, קען איך דיר באשווערן, און איך בין זיכער, אז דו וועסט נישט עובר זיין אויף וואס איך זאגט דיר.

*

אחר הברית עבר **רבינו שליט"א** למשרדו החדש של הר"ר **אליעזר ברוך פריעד** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בעצרת הספד על פטירת **הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל** אב"ד נייטרא וומסב"ג, שהתקיים בבית המדרש נייטרא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן ההספד:***

**די** וואך אין די פרשה דערציילט די תורה הק', אז שרה אמנו איז נסתלק געווארן, און אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה. די תורה הייבט אן, ויהיו חיי שרה, מאה שנה, ועשרים שנה, ושבע שנים, שני חיי שרה. שרה האט געלעבט הונדערט און זיבען און צוואנציג יאר, און זי איז געשטארבן אין קרית ארבע, און אברהם אבינו איז געקומען לספוד לשרה ולבכותה (בראשית כג-א). רש"י זאגט, אז דער פסוק זאגט שנה בכל כלל וכלל, ער חזר'ט איבער מערערע מאל דאס ווארט 'שנה'. לומר לך, שכל אחד נדרש לעצמו. א מענטש האט דאך פארשידענע זמנים אין לעבן, בת ק' כבת כ' לחטא, ביי די הונדערט יאר איז זי געווען ריין פון א חטא, אזוי ווי ביי די צוואנציג. מה בת כ' לא חטאה שהרי אינה בת עונשין, אף בת ק' בלא חטא. בת כ' כבת ז' ליופי. שני חיי שרה, כולן שוה לטובה, אלע אירע טעג זענען געווען גוטע טעג. די מפרשים שטעלן זיך, ווי אזוי קען מען זאגן כולן שוה לטובה, מען ווייסט דאך וואס זי איז אדורכגעגאנגען, ביז די ניינציג יאר האט זי נישט געהאט קיין קינד, און זי איז געגומען געווארן צו אבימלך, און זי איז געגומען געווארן צו פרעה. און דער פסוק זאגט, אז עס איז געווען כולן שוה לטובה?

**לענינינו**, עס איז נפלה עטרת ראשינו, די שטאט האט פארלוירן אזא גאון וצדיק ווי דער רב זכרונו לברכה איז געווען. איך בין נישט ווערד איך זאל אים מספיד זיין. כל ימיו איז ער געווען דבוק אין תורה מיט אזא צוגעבונדעדנקייט, אז עס האט נישט עקזיסטירט ביי אים עפעס אנדערש, נאר לערנען. אלעס האט זיך געדרייט ביי אים, ארום תורה. אלע אנדערע זאכן זענען געווען ביי אים הבל הבלים. און דאס האט זיך נישט אנגעהויבן אויף די עלטער, צו ביי די מיטעלע יארן, עס איז געווען פון די גאר יונגע יארן אן א שינוי. כולן שוה לטובה, אזוי ווי ער האט אויסגעקוקט אויף די עלטער, אזוי האט ער אויסגעקוקט אלץ יונגערמאן.

**רש"י** מאכט דעם חשבון צוריקצוועגס, בת ק' כבת כ', ביי די הונדערט יאר איז זי געווען כבת כ', און בת כ' כבת ז', ביי די צוואנציג יאר איז זי געווען כבת ז'. אין היקש למחצה, גייט עס דאך פארקערט אויך. בת ז' איז זי געווען כבת כ', און בת כ' איז זי געווען אזוי ווי בת ק'. בת ז' איז זי געווען כבת כ', יעדער ווייסט אז א קטן איז נישט מחויב מיט קיין מצוות, א קינד פון זיבן יאר איז פטור פון אלעם, קטן האוכל נבילות אין בית דין מצווין להפרישו (שבת קכא.). ווען מען ווערט א בת כ', דעמאלטס קומט מען אריין לכלל עונשין, דעמאלטס היט מען זיך שוין פון צו טון א זאך וואס מען דארף נישט, ווייל דעמאלטס איז שוין דער בית דין של מעלה מעניש. די תורה פארציילט אויף שרה אמנו, אז אפילו ווען זי איז געווען גאנץ יונג, בת ז', כבת כ', האט זי געציטערט פון אן עבירה אזוי ווי א מענטש וואס ציטערט ביי די צוואנציג יאר.

**און** בת כ' כבת ק'. **די סדר פון די וועלט איז, אז ווען א מענטש ווערט עלטער, ער גייט אדורך רוב שנותיו, ער ווערט נאך עלטער, הייבט מען אן צו קוקן מיט א אנדערן בליק אויף די וועלט. אין די יוגענט וויל זיך יעדער איינער בויען, רוב וועלט זוכט זיך צו בויען אין גשמיות, אין פארמעגן, הון ועושר בביתו, מען זוכט זיך צו פארשאפן א נאמען, מען זאל זיין מכובד. ביי גרעסערע מענטשן גייט עס שוין אויף א אנדערע וועג, אז על כל פנים ברוחניות זאל ער ווערן אויפגעבויט אויף א געוויסע מהלך, אבער דער גאנצער קאפ ליגט מער אין עניני עולם הזה. ווען א מענטש ווערט עלטער, צוביסלעך צוביסלעך הייבט אן אויסצווועפן דער בליק וואס מען האט געהאט אויף די וועלט, דער בליק איז שוין גאר אנדערש. וואס אמאל איז געווען א חשיבות, פארלירט דעם חשיבות. מען הייבט שוין אן צו טראכטן, מתי אעשה גם אנכי לביתי, וואס וועל איך טון. איך דארף אמאל צוריקגעבן מיין נשמה, און געבן א דין וחשבון, און מען הייבט זיך אן צו פארבעסערן. ווען מען ווערט עלטער הייבט מען אן מער קובע זיין עתים לתורה. מען יאגט זיך שוין נישט ביים דאווענען, מען דאווענט שוין שטאטער. ווען ער האט צייט, זאגט ער תהלים. ער איז שוין נישט צוגעבינדען צו זיין געלט אזוי שטארק, ער הייבט אן צו געבן מער צדקה. אזוי איז דער סדר פון די וועלט, אז אויף דער עלטער ווערט מען נאנטער צום אייבערשטן.** אבער ביי די יוגענט, בת כ', אין די שענסטע יארן, ליגט דער מענטש אין עולם הזה.

**זאגט** די תורה, אז ביי שרה אמנו, איז געווען בת כ', ביי די צוואנציג, איז זי געווען כבת ק'. מיט די זעלבע בליק וואס א מענטש האט אויף די וועלט ביי די הונדערט יאר, וואס דעמאלטס איז זיין גאנצער ציל נאר, וואס ער קען נאך אויפטון זיינע לעצטע יארן פארן אייבערשטן, אזוי איז זי געווען בת כ'. ביי די צוואנציג יאר איז זי געווען כבת ק'.

**ווער** עס האט געקענט דעם רב, עס איז דא, דא, אסאך פונעם עלטערן דור, וואס זענען נאך געווען צוזאמען אין די ישיבה. איך געדענק אים כבת כ', ווען ער איז געווען א יונגערמאן נאך די חתונה. איך בין געווען א יונגערער בחור, און ער האט דעמאלטס אנגעהויבן מרביץ תורה צו זיין אין די ישיבה. די התמדת התורה וואס מען האט געזעהן ביי אים, לאזט זיך גארנישט זאגען. שטענדיג ליגט מיר פאר די אויגן, ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט דעמאלטס אלץ יונגערמאן. נישט מפסיק געווען פון לערנען, לא פסיק פימיה מגירסא, וואו ער איז געשטאנען האט ער געלערנט, וואו ער איז געגאנגען, איז ער געווען מיט א ספר אין די הענט. רוב פונעם טאג איז ער יענע יארן געזעסן און געשריבן. ער האט פארגעלערנט פאר די בחורים, אבער אויסער די צייט האט ער געהאט ביי זיך א קונטרס, און וואו ער האט זיך אראפגעזעצט, האט ער תיכף גענומען דעם פעדער אין די האנט, און ער האט געשריבן. מען האט דאך אמאל געלערנט מער אין די ישיבות וויפיל

מען לערנט היינט, די ישיבה האט שוין געהאלטן ביים סוף פונעם פרק, און ער האט נאך געקענט האלטן ביי דף ד', דף ה', דף ו', ער איז נאך אלץ איבערגעגאנגען וואס מען האט געלערנט פון אנהייב, און געשריבן. עס איז זיכער דא אוצרות פון כתבים וואס זענען אוועקגעלייגט. עס איז געווען ביי אים בת כ' כבת ק', די ערנסטקייט וואס מען האט אויף די עלטער, האט ער שוין געהאט אין זיינע יונגע יארן. ער האט פארשטאנען דעם תכלית פון די וועלט, אז א מענטש קומט אראפ אויף דעם עולם אויפצוטון וואס מען קען, להגדיל תורה ולהאדירה.

*

**אין** מדרש (ב"ר נח-ה) שטייט, ויבא אברהם לספוד לשרה, מהיכן בא, פון וואו איז ער געקומען, מהר המוריה בא, ער איז געקומען פון הר המוריה מספיד צו זיין שרה. די קשיא מיט דעם תירוץ דארף האבן א ביאור, יעדער ווייסט פון די פריערדיגע פרשה, אז אברהם אבינו איז געגאנגען מיט יצחק צום הר המוריה, און ויבא אברהם, ער איז צוריקגעקומען פון דארט. וואס איז די שאלה 'מהיכן בא', פון וואו ער איז געקומען. און מען ענטפערט, מהר המוריה בא.

**עס** שטייט אין מפרשים, ווען אברהם האט געוואלט מספיד זיין שרה, האט ער געקוקט וואס פארא ענין קען איך ארויסברענגען אויף שרה ביי איר הספד. איך וויל דאך איר מספיד זיין, איך וויל ארויסברענגען דעם מהות פון שרה, וואס פאר א נקודה זאל איך ארויסברענגען, וואס פון דעם וועט מען פארשטיין וואס די שרה איז געווען. האט אברהם אבינו געזאגט, א מאמע וואס קען ערציען א קינד, וואס דאס קינד איז זיך גרייט צו שחט'ן פארן אייבערשטן אויפן הר המוריה, דאס ווייזט וואס די מאמע איז. ווען מען האט נישט אזא מאמע, קען נישט אזוי אויסוואקסן א קינד, אז ער זאל זיך גיין שחט'ן פאר'ן אייבערשטן. ווען אברהם אבינו האט געוואלט מספיד זיין שרה, 'מהיכן בא', פון וועלכע נקודה איז ער געקומען מספיד זיין די שרה. 'מהר המוריה בא', איך קום יעצט פון הר המוריה, איר קינד האט זיך געלאזט אויסשטרעקן דאס האלז זיך צו שחט'ן פארן אייבערשטן. אז מען קען האבן אזא קינד, קען מען פארשטיין וואס די מאמע איז געווען.

**אז** מען קוקט אן די קהלה, דאס בית המדרש וואס ער האט געבויט מיט די צען פינגער. ער האט אהערגעשטעלט יונגעלייט תלמידי חכמים, יראים ושלמים, וואס ער האט איבערגעלאזט אויף זיי א רושם. - דער מדרש (פרקי דרבי אליעזר כה) זאגט, אז ווען מען גייט אריין אין א חנות של בושם, אז מען קומט אריין אין א געשעפט וואו מען פארקויפט בשמים, אפילו ער האט גארנישט גענומען דערפון, מען האט זיך נאר ארומגעדרייט דארטן, פון דעסטוועגן דאך איז מען קולט אין זיך א ריח טוב. - אז מען זיצט אין א בית המדרש מיט אזא מנהיג ווי דער רב זכרונו לברכה איז געווען, וואס אפילו מען האט גארנישט מקבל געווען, דאס עצם צוקוקן ווי אזוי ער האט זיך געפירט, און ווי אזוי ער האט אויסגעזעהן, איז מען ארויסגעגאנגען מיט א ריח טוב. ווען מען זעהט די פירות, מען זעהט וואס עס איז ארויסגעקומען פון זיין עבודה, דאס איז די גרעסטע נקודה וואס מען קען ארויסברענגען, צו וויסן צו שעצן וואס דער מענטש איז געווען.

**ער** האט מיר אמאל געזאגט, אז נאך זיין חתונה, איז נאכנישט געווען קיין כולל, האט ער אנגעהויבן עפעס צו טון צו ברענגען פרנסה אין שטוב. און עס האט זיך אויפגעלעזט דער פלאץ וואו ער האט געארבעט. האט מען אים מציע געווען, אז ער זאל זיך עפענען א ביזנעס, און מען וועט אים צוהעלפן, אז ער זאל זיך קענען שטעלן אויף די פיס, און האבן א געשעפט. האט ער מיר דערציילט, האב איך געזאגט, ניין. דאס טוה איך נישט. ביז ווילאנג איך וועל זיין אן ארבייטער, וועט נאך קומען אמאל א טאג וואס איך וועל מיך מיישב זיין, און איך וועל עס איבערלאזן, און איך וועל צוריקגיין אין בית המדרש לערנען. אבער אויב איך וועל האבן א ביזנעס פאר מיר, וועל איך קיינמאל פון דארט מער נישט ארויסקומען. איך וועל זוכן עס גרעסער צו מאכן, און נאך גרעסער צו מאכן. איך וויל מיך נישט אריינלייגן אין דעם נסיון צו פירן א ביזנעס, ווייל איך וועל נישט קענען שפעטער פון דארטן ארויסקומען.

**דאס** איז געווען אלץ יונגערמאן, ווען מען האט געדארפט פרנסה, עס איז נישט געווען קיין פוד-סטעמפס מיט אלע אנדערע זאכן וואס עס איז דא היינט, און פון דעסטוועגן דאך האט ער אלעס אוועקגעגעבן, כדי ער זאל קענען צוריק גיין צו תורה.

און אז מען זעהט וואס עס איז אויסגעוואקסן שפעטער, זעהט מען דעם אמת וואס ליגט אין דעם. און נאכדעם איז ער טאקע געווארן א מרביץ תורה פאר בחורים, און אזוי האט ער מרביץ תורה געווען פאר יודען עד זיבולא בתרייתא. עס איז א געוואלדיגע שאד פאר די שטאט, וואס עס איז צוגענומען געווארן פון אונז אזא געוואלדיגע ליכטיגקייט, וואס איז געווען אזוי דבוק אין תורה הק'.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (סנהדרין פח:), שלחו מתם, איזהו בן עולם הבא, ווער איז א בן עולם הבא - די מפרשים פרעגן, יעדער איז דאך א בן עולם הבא, כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא (שם צ.). און זיי זאגען, יעדער קומט טאקע אן לעולם הבא, אבער נאר נאך זיכוך און מירוק וכדומה וואס א מענטש דארף אדורכגיין, אבער ווער איז דער וואס קומט גראד אריין אינעם עולם הבא, - זאגט די גמרא, ענוותן ושפל ברך, א מענטש וואס איז א עניו, צעבראכן ביי זיך, שייף עייל שייף ונפיק, ער קומט אריין געבויגענערהייט און ער גייט ארויס איינגעבויגענערהייט, וגריס באורייתא תדירא, ער זיצט און לערנט שטענדיג, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, ער איז נישט מחזיק טובה פאר זיך, דער איז א בן עולם הבא. איך מיין אז אין די ווערטער איז נישט דא שענערס ווי מען קען אראפלייגן וואס דער רב איז געווען. דער ענוותן ושפל ברך, דער שייף עייל ושייף נפיק, נישט געבלאזן פון זיך קיינמאל, ער האט נישט געזוכט קיין כבוד. ער איז אריינגעקומען צעבראכענערהייט און אזוי איז ער ארויסגעגאנגען, וגריס באורייתא תדירא, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, ער האט נישט געהאלטן פון זיך גארנישט, ער איז דער ריכטיגער בן עולם הבא וואס די חכמים שאצן דא אפ.

**איך** האב אים כמה פעמים געזאגט, אז איך געדענק אז ער האט אסאך געשריבן אין די יוגענט, פארוואס ער דרוקט נישט זיינע ספרים. ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן האב איך אים אלץ געקוועטשט דערויף. האט ער אלץ געזאגט, וואס, איך וועל דרוקן מיינע ספרים? ווער דארף עס האבן?! ער האט עס אלץ אוועק געמאכט. ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, ער האט זיך קיינמאל נישט געוואלט מחזיק זיין, ער גייט נישט ארויסגעבן א ספר פאר די וועלט.

**איך** האב געזעהן פון **רבי חיים שמואלביץ זצ"ל**, האט ער געזאגט, פארוואס איז די גמרא אזוי מאריך, ענוותן ושפל ברך, שייף עייל שייף ונפיק. דער וואס איז שייף, דער איז שייף עייל און ער איז שייף ונפיק, די גמרא דארף נישט אזוי אויסציען מיט ווערטער. האט **רבי חיים שמולעוויטש** געזאגט אויף זיך בענוותנותו, איך קום אריין אין ישיבה, און איך דארף זאגן א שיעור. איך בין שייף עייל, איך גיי אריין מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, איך ווייס נישט צו עס וועט מיר יא געלונגען דער שיעור, צו עס וועט נישט געלונגען. איך קום אריין מיט א צעבראכענקייט. אבער איך קען נישט זאגן, אז ווען איך גיי ארויס נאכן שיעור, גיי איך ארויס דער זעלבער ווי איך בין אריינגעקומען. איך טראכט אז דער שיעור איז געלונגען, און עס איז געווען הונדערטער תלמידים וואס האבן אויסגעהערט דעם שיעור, און עס לאזט איבער אמאל א רושם. שייף עייל שייף ונפיק, מען זאל קענען ארויסגיין, אזוי ווי מען איז אריינגעקומען, דאס איז א בן עולם הבא. א בן עולם הבא איז דער וואס דער מצב ארום און ארום טוישט אים גארנישט. דאס ענוותן ושפל ברך וואס ער האט, האט ער שטענדיג ביי זיך אויף די זעלבן מדה, ער איז א בן עולם הבא.

*

**די** גמרא גיט צו, אז ער איז גריס באורייתא תדירא, ער לערנט שטענדיג, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, ער איז נישט מחזיק טובה פאר זיך. אין די משנה (אבות ב-ח) שטייט שוין אזוי, אם למדת תורה הרבה, אויב דו האסט געלערנט אסאך תורה, אל תחזיק טובה לעצמך, זיי נישט מחזיק טובה פאר דיר, כי לכך נוצרת, פארדעם ביסטו באשאפן געווארן. דער **בינה לעתים** טייטשט - אויסער דעם פשוטן פשט, אז א מענטש זאל נישט מחזיק טובה זיין אויף וואס ער איז אויסגעשטיגן, אפילו ער איז אנגעקומען צו למדת תורה הרבה. - עס איז דא אסאך מאל וואס א מענטש לערנט תורה, און ער זעהט ווי ער ליגט אין לערנען, און ער איז מחדש אין תורה, וויל ער נישט אוועקגעבן צייט פאר אנדערע. עס איז א שאד די צייט וואס ער ברויך אוועקגעבן פאר א צווייטן, אין

די צייט וואלט ער געקענט זיצן און שרייבן און מחדש זיין און מברר זיין ענינים. און יעצט דארף ער נאכאמאל לערנען, און איבערגיין מיט א צווייטן, די זעלבע גמרא, צו די זעלבע משניות, צו דעם זעלבן תוספות, וואס ער האט שוין געלערנט. און עס קומט אים אן שווער. אבער דאס איז נישט ריכטיג. א מענטש איז נישט אראפגעקומען זיך משלים צו זיין, א מענטש איז אראפגעקומען זיך משלים זיין און זעהן מיט וואס ער קען משלים זיין אנדערע.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בהקדמה **לשו"ת חתם סופר** ליו"ד) שרייבט, אז אברהם מיט חנוך זענעןביידע געווען צדיקים. אברהם איז געווען א צדיק, ער איז דער ערשטער פון די אבות, און חנוך איז געווען א צדיק נאך אין די צייטן פון נח. און חנוך האט זוכה געווען צו א העכערע מדריגה פון אברהם, ויתהלך חנוך את אלקים, ואיננו כי לקח אותו אלקים (בראשית ה-כד), חנוך איז געווארן א מלאך אלקים, און אברהם איז נישט געווארן קיין מלאך אלקים, אברהם איז געשטארבן אזוי ווי יעדער איינער. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, וואס איז דער חילוק? ווייל אברהם האט אוועקגעגעבן פון זיין צייט פאר די וועלט, ואת הנפש אשר עשו בחרן (שם יב-ה), וואו ער האט געקענט אויפטון, אריינברענגען אין א מענטש אמונת אלקי עולם, אז ער זאל גלייבן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, האט ער אוועקגעגעבן צייט דערויף. אברהם אבינו האט געלעבט פאר אנדערע. חנוך האט געלעבט פאר זיך אליין, ויתהלך חנוך את אלקים. אז מען לעבט פאר זיך אליין, קען מען אויסוואקסן א מלאך אלקים, אבער אברהם אבינו האט נישט געקענט צוקומען צו די מדריגה, ווייל אברהם אבינו האט זיך אפגעגעבן מיט אנדערע אויך.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, וואס האט זיך אויסגעלאזט פון חנוך, און וואס האט זיך אויסגעלאזט פון אברהם. פון חנוך האט זיך אויסגעלאזט א דור המבול. בימיו, האט דער אייבערשטער געמוזט חרוב מאכן די גאנצע וועלט. און פון אברהם איז ארויסגעקומען א יצחק, מיט א יעקב, מיט א כלל ישראל ביזן היינטיגן טאג. דער ואת הנפש אשר עשו בחרן וואס ער האט געטון, דאס איז דער 'כי לכך נוצרת'. **א מענטש איז נישט באשאפן געווארן פאר זיך אליין, נאר וואס ער קען משפיע זיין פאר א צווייטן, דארף ער זעהן משפיע זיין אויף אן אנדערן.**

**זאגט** דער הייליגער **בינה לעתים**, אם למדת תורה הרבה, אויב דו האסט געלערנט אסאך תורה, 'אל תחזיק טובה', האלט נישט די תורה וואס דו האסט געלערנט, 'לעצמך', פאר דיר. איך וועל שטייגן, און איך וועל לערנען, איך וועל ווייטער צוקומען, נאר גיב עס איבער פאר אנדערע. 'כי לכך נוצרת'. דער ציל וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט איז, עולם חסד יבנה, וואס מען קען טון פאר א צווייטן, אויף דעם האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט.

**געווענליך** ווען א מענטש האט די מדה אז ער איז א ענוותן ושפל ברך, און ער איז א שייף עייל ושייף נפיק, איז ער דאך צוריקגעצויגן, ער איז דאך א ענוותן א שפל ברך, ער איז גארנישט ווערד. ער גייט נישט לערנען מיט א צווייטן, ער גייט נישט זאגן מוסר פאר א צווייטן, ער קען זיך נישט צוזאמקלויבן דערצו, אז ער זאל קענען זיין דער משפיע פאר אנדערע, עס פעלט אים דער ויגבה לבו בדרכו ה', איז ער נישט קיין בן עולם הבא. פון אן עניוות ושפל רוח וואס מען טוט נישט אויף נאכדעם פאר א צווייטן, נאר מען זיצט איינגעלייגט ביי זיך אין שטוב, איז מען נישט קיין בן עולם הבא. א בן עולם הבא איז, ווען א מענטש פארמאגט ביידע מעלות, פון איין זייט איז ער א ענוותן ושפל ברך, שייף עייל ושייף נפיק, ווען ער גייט אריין איז ער א שייף עייל, און ווען ער קומט ארויס נאך א שיעור איז ער א שייף נפיק. און גריס באורייתא תדירא, ער לערנט שטענדיג תורה, אבער ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, די תורה וואס ער לערנט האלט ער נישט פאר זיך, ער גיט עס ארויס פאר אן אנדערן, דאס איז א בן עולם הבא.

**און** דאס איז געווען דער רב זכרונו לברכה, מיט זיין פלייסיג לערנען, מיט זיין גריס באורייתא תדירא, מיטן זיצן ביי זיך אין שטוב טאג און נאכט און שרייבן חידושי תורה, פון דעסטוועגן דאך ווען ער האט געקענט פארלערנען, האט ער עס געהאלטן פאר א זכות, און אוועקגעגעבן אזויפיל צייטן פארצולערנען פאר אנדערע. אין אנהייב פאר די יונגע תלמידים, און שפעטער פאר בעלי בתים, דאס

איז א ענוותן ושפל ברך, וגריס באורייתא תדירא, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה. ביידע פשטים, ער האט נישט מחזיק טובה געווען פאר זיך, און ער האט נישט געהאלטן די תורה פאר זיך אליין, נאר ער האט עס געלערנט מיט אנדערע. דאס איז דער ריכטיגער בן עולם הבא וואס די גמרא זאגט.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (מועד קטן כה:), אז ווען רבינא איז נסתלק געווארן, האט דער ספדן געזאגט אויף אים, 'תמרים הניעו ראש', די תמרים, די טייטלען, בייגט זיך איין די קעפ, 'על צדיק כתמר', אויף א צדיק וואס איז אזוי ווי א תמר. 'נשים לילות כימים', לאמיר געבן נעכט אזוי ווי טעג אויף מספיד צו זיין, 'על משים לילות כימים', פאר איינעם וואס די נעכט זענען געווען ביי אים אזוי ליכטיג ווי ביי אנדערע די טעג. ער רופט אן דעם צדיק אז ער איז אזוי ווי א תמר, און דעם ציבור האט ער אויך אנגערופן, עטץ זענטס תמרים. וואס אין פשטות, איז תמר דער בוים אליין, און די פירות דערפון זענען די תמרים. און אז מען האט גערעדט פון רבינא, און מען האט גערעדט פון די וואס האבן מקבל געווען זיין תורה, האט ער געזאגט, אז דער צדיק איז דער תמר, און עטץ זענטס די תמרים. עטץ זענטס די פירות וואס דער תמר האט ארויסגעגעבן. תמרים הניעו ראש, זייטס מתאבל אויף די פארלוסט וואס עטץ האטס פארלוירן.

**ער** האט מדמה געווען, אז דער צדיק איז אזוי ווי א תמר. וואס דער פשוט'ער פשט איז, אויף א תמר שטייט (סוכה מה:), אז א תמר איז אין לו אלא לב אחד. יעדער בוים איז צוטיילט אויף צווייגען פון אלע זייטן, אבער א תמר איז א גראדער בוים, ער גייט גראד ארויף ביז אויבן. דאס ווייזט אויף דעם צדיק וואס ער האט נאר א לב אחד לאביו שבשמים.

**אין** מדרש (ב"ר מא-א) שטייט נאך א נקודה, פארוואס א צדיק ווערט אנגערופן אזוי ווי א תמר. דער מדרש זאגט, תמרה זו אין בה פסולת, יעדער בוים האט פסולת, עס איז דא פירות וואס וואקסט, אויסער דעם איז אלעס פונעם בוים פסולת, די בלעטער מיט די צווייגן זענען אלעס פסולת. אבער א תמר, א טייטלבוים, זאגט דער מדרש, האט נישט אין זיך קיין שום פסולת. די 'תמרים לאכילה', מען עסט דערפון די תמרים, 'לולבין להילול', ווען מען דארף האבן ד' מינים מהלל צו זיין דעם אייבערשטן, נעמט מען דעם לולב. 'חריות לסיכוך' די חריות, די ברייטע וואס ווערט דערפון, נוצט מען אויף מסכך זיין די סוכה. און ער רעכנט אויס 'סיבים לחבלים', עס האט אזא ווייסע בענדל וואס קומט ארויס דערפון, וואס מען קען מאכן דערפון שטריק. און ער רעכנט אויס נאך אפאר זאכן, אז פון דעם תמר איז נישטא קיין שום זאך וואס עס איז לבטלה. אלעס וואס עס איז דא דערין, איז נישט קיין שום פסולת. און א צדיק איז כתמר, ער האט נישט אין זיך קיין פסולת.

**לענינינו** איז דער פשט, א תלמיד חכם, איז נישט נאר זיין גרויסקייט אין תורה, אז ער לערנט פלייסיג און ער קען לערנען. דער עיקר וואס וועגן דעם הייסט ער א תלמיד חכם איז, ווייל עס איז אין בו פסולת, עס איז נישטא אין אים קיין פסולת. פון יעדע נקודה פון א תלמיד חכם קען מען זיך לערנען, אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכין לימוד (סוכה כא:), אפילו פון א פשוט'ן שמועס, לערנט מען זיך דערפון. און כל שכן פון די הנהגה פון א תלמיד חכם, ווי אזוי א תלמיד חכם באוועגט זיך, זיין באנעמונג ווי אזוי ער רעדט צו א צווייטן, מיט א איידלקייט, און ווי אזוי ער גיט אכט אויף יעדע ווארט וואס ער זאגט ארויס. זיין הנהגה, ווי אזוי ער זיצט ביים עסן, און ווי אזוי ער גייט אויף דער גאס. תלמיד חכם אין בו פסולת, עס איז נישטא ביי אים קיין פסולת. יעדע זאך וואס דו זעהסט ביי א תלמיד חכם, וואס איז א צדיק כתמר, קען מען זיך אראפלערנען עפעס א וועג אין עבודת ה'.

**דער** ספדן האט געוואלט ארויסברענגען דעם שלימות פון דעם חכם, האט ער געזאגט, תמרים, עטץ זענטס תלמידים פון דעם תמר, עטץ זאלטס וויסן אז מען דארף אים מספיד זיין, אז עטץ האטס געהאט א צדיק כתמר, א צדיק וואס איז אזוי ווי א תמר שאין בה פסולת, מען האט זיך געקענט אראפלערנען פון אים, יעדע ריר איז געווען א שטיק תורה. זיין לערנען איז דאך זיכער געווען תורה. ווי אזוי מען דארף דאווענען, האט מען נישט געדארפט עפעס אנדערש טון, נאר קוקן ווי אזוי ער איז געשטאנען אויסגעדרייט צו דער וואנט, און עס האט נישט עקזיסטירט עפעס אנדערש בשעת'ן

דאווענען. ווען איך פלעג קומען אויף ברית'ן, האב איך אביסל געזעהן, ווי אזוי ער איז געווען אויסגעדרייט צו די וואנט, ער האט נישט באמערקט אז מען איז אריינגעקומען. זיין דאווענען איז געווען מיט א השתפכות הנפש פארן אייבערשטן. זיינע מדות טובות, עס לאזט זיך גארנישט זאגן ווי אזוי עס איז געווען די פיינקייט און די איידלקייט, וואס מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט. פון יעדע נקודה ביי אים האט מען זיך געקענט אפלערנען. דאס איז דער צדיק וואס איז געווען כתמר. תמרים הניעו ראש על צדיק כתמר, אזא אבידה איז עס פאר אונז, וואס מיר האבן פארלוירן.

**די** גמרא זאגט דארטן, בכו לאבלים ולא לאבידה, אויף די אבידה איז נישטא וואס צו וויינען, די אבידה איז א בן עולם הבא, ער איז גראד ארויפגעגאנגען לעולם הבא, ער האט א לעכטיגן גן עדן אויבן. די אלע דברי תורה ותפלה און עבודת ה', מיט זיין הרבצת התורה, זיין מזכה זיין את הרבים, אלעס איז אים אקעגן געקומען. אויף די אבידה איז נישטא צו וויינען, נאר בכו לאבלים, די בכיה איז פאר אונז די אבלים, פאר זיי דארף זיין די בכיה. שהיא למנוחה ואנו לאנחות, מיר האבן פארלוירן א מנהיג וואס מען האט זיך געקענט ארופלערנען פון יעדן שריט און טריט וואס ער האט געטון, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און דאס איז די אבידה.

*

**עס** שטייט אין מדרש (איכ"ר א-לז) קשה סילוקן של צדיקים יותר מצ"ח קללות. ווען א צדיק גייט אוועק, איז ערגער ווי אלע קללות וואס איז אויסגערעכנט אין די תורה. די לאנגע תוכחה פון אכט און ניינציג קללות, קומט נישט צו, צו דעם, וואס מען פארלירט א צדיק, סילוקן של צדיקים איז מער. עס איז פארברענט געווארן א בית המקדש, סילוקן של צדיקים איז יותר משריפת בית אלקינו, מער ווי שריפת בית אלקינו. און דער מדרש זאגט אזוי, ביי די צ"ח קללות שטייט די לשון אין פסוק (דברים כח-נט) והפלא ה' את מכותך, שטייט איין לשון פלא. ביים חורבן בית המקדש שטייט (איכה א-ט) ותרד פלאים, עס שטייט צוויי מאל פלא. און ביי א תלמיד חכם וואס גייט אוועק פון די וועלט, שטייט אין פסוק (ישעיה כט-יד) דריי מאל דערמאנט פלא, הנני יוסיף להפליא את העם הזה הפלא ופלא. ואבדה חכמת חכמיו, עס ווערט פארלוירן די חכמה פון די חכמים, ובינת נבוניו תסתתר. די מפרשים שטעלן זיך, אז אמאל שטייט (ר"ה יח:) אז מיתתן של צדיקים איז כשריפת בית אלקינו, און אמאל שטייט (איכ"ר שם) אז סילוקן של צדיקים איז יותר משריפת בית אלקינו.

**איך** האב געקלערט א געדאנק, וואס איז נוגע פאר אונז זיך ארופצולערנען. **ווען א צדיק גייט אוועק, איז דאס א געוואלדיגער פארלוסט. מען פארלירט דעם דוגמא, דעם מוסטער, וואס איז משפיע אויף יעדן איינעם. אז מען קומט אין א בית המדרש דאווענען, עס איז נישט נאר דאס דאווענען וואס איז משפיע אויפן מענטש, עס איז נישט נאר דעם שיעור וואס מען האט געהערט, נאר אז מען האט א זכיה צו זיצן מיט אזא צדיק אין איין בית המדרש, און צוזעהן זיין טאג טעגליכן באוועגונג, מאכט עס א רושם אויף יעדן איינעם.** מען וואקסט נישט אויס קיין תמרים פון זיך אליין, די תמרים וועננדט זיך וואס דער תמר איז. אויב דער תמר גיט ארויס די פירות, דאס זענען די תמרים. און ווי מען האט פריער גערעדט, א תמר האט נישט אין זיך קיין פסולת, פון אלעם קען מען זיך אראפלערנען ווי אזוי זיך צו פירן. ווען א צדיק גייט אוועק פון די וועלט, האט מען פארלוירן פאר זיך דעם מוסטער, וואס מען האט געהאט פאר די אויגן. און דאס איז אין לו תמורה, דאס איז נישט שייך צוריק צוברענגען. ווער עס זאל נאר נישט אויסוואקסן היינט, קען נישט אויסקוקן ווי א יוד וואס איז געבוירען געווארן מיט אכציג יאר צוריק. עס איז אן אנדערע וועלט, מען קען עס אפילו נישט צושטעלן, עס איז נישט דא די תמורה דערפאר.

**אבער** אז מען געדענקט כאטש זיינע מעשים, מען לעבט דערמיט, מען פארגעסט נישט וואס מיר האבן געלערנט, מען פארגעסט נישט וואס מען האט געזעהן, שטענדיג איז פאר די אויגן די הנהגה וואס מען האט געזעהן ביי דעם ערליכן איד, ווי אזוי ער האט זיך געפירט, דעמאלטס איז דער צדיק נישט אינגאנצען פארלוירן געווארן. מען זעהט אים טאקע נישט פאר די אויגן שטענדיג, אבער אין קאפ, די חכמה וואס ער האט געלערנט, זיין הנהגה, קען באגלייטן דעם מענטש אויף שפעטער אויך. אמאל מאכט זיך אבער, אז דער צדיק איז אוועק, און מען הייבט אן צו פארגעסן וואס מען האט מקבל געווען

ביי אים, מען הייבט אן צו פארגעסן די הנהגה ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, איז נישט נאר אז דער חכם איז נסתלק געווארן, עס איז סילוקן של צדיקים, עס האט זיך אינגאנצען געענדיגט, עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון אים. די סילוקן של צדיקים, דאס איז די ערגסטע.

**איך** האב אמאל געזאגט, עס שטייט ביי אלישע, פאר זיין רבי, אליהו הנביא, איז ארויפגעגאנגען אין הימל, האט ער געבעטן פון זיין רבי'ן, ויהי נא פי שנים ברוחך אלי (מלכים ב ב-ט), אז ער זאל משפיע זיין אויף אים, אז ער זאל זיין גרעסער ווי זיין רבי. און אליהו הנביא האט אים געזאגט, 'אם תראה אותי לקח מאתך', אויב דו וועסט זעהן בשעת איך גיי אוועק פון די וועלט, דו וועסט מיך זעהן ווי אזוי איך גיי ארויף בסערה השמים, 'יהי לך כן', וועסטו זוכה זיין דערצו. 'ואם אין' אבער טאמער דו וועסט עס נישט זעהן, 'לא יהיה', וועסטו נישט צוקומען דערצו.

**דער** פשט דערפון איז, אלישע האט געבעטן, ער וויל זיין דבוק צו אליהו, און ער זאל אים איבערלאזן פי שנים ברוחך. האט ער אים געזאגט, 'אם תראה אותי', אויב דו וועסט מיך שטענדיג זעהן פאר דיינע אויגן, 'לקח מאתך', אפילו ווען איך בין שוין אוועקגענומען געווארן פון דיר, וועסטו מיך נאך אלץ זעהן. דו וועסט נישט פארגעסן פון מיר, מיין הנהגה וועט ווייטער זיין פאר דיינע אויגן, 'יהי לך כן', וועסטו קענען אויסוואקסן צו זיין פי שנים פון וואס איך בין געווען, אבער 'ואם אין', טאמער ווען איך וועל אוועקגיין בסערה השמים, וועסטו פארגעסן פון מיר, דו וועסט מיך מער נישט זעהן פאר דיינע אויגן, 'לא יהיה', וועסטו עס נישט האבן.

**ווען** דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז עס געווען א געוואלדיגע פארלוסט, מען האט פארלוירן דעם בית המקדש. אבער קדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבוא (מגילה י.), עס איז געבליבען אויף דעם פלאץ א קדושה. און אז עס איז געבליבן א קדושה אויף דעם פלאץ, טוט זיך דאס נאכדעם נתפשט זיין, פון די קדושה קען מען נאך נהנה זיין די וועלט. דער בית המקדש האט מגין געווען אויף די וועלט, און אפילו ווען דער בית המקדש איז נישט דא, איז נאך אלץ געבליבן די קדושה אויפן פלאץ, עס איז נאך געבליבן עפעס דערפון. ווען עס גייט אוועק א צדיק, און זיין זכרון בלייבט נאך ביי אונז, איז עס כשריפת בית אלקינו. דער בית המקדש איז נישט דא, אבער די קדושה איז נאך געבליבן ווי פארדעם. ווען עס איז אבער 'סילוקן' של צדיקים, טאמער דער צדיק ווערט נסתלק, נישט נאר ער איז אוועק פון די וועלט, נאר עס איז אויך דא א סילוק, עס האט זיך אויפגעהערט וואס דער צדיק איז געווען, דאס איז קשה משריפת בית אלקינו, דאס איז ערגער פון שריפת בית אלקינו. דאס איז הנני יוסיף להפליא את העם הזה הפלא ופלא. וואו זעה איך דאס? זאגט דער פסוק, ווייל ואבדה חכמת חכמיו, ובינת נבוניו תסתתר, ווען א חכם ווערט פארלוירן איז אבדה חכמיו, דער חכם איז פארלוירן געווארן, אבער עס בלייבט נאך זיין חכמה. אבער טאמער עס איז אבדה חכמת חכמיו, עס ווערט פארלוירן דער חכם צוזאמען מיט זיין חכמה, דעמאלטס איז עס קשה משריפת בית אלקינו.

**ווען** עס גייט אוועק א צדיק, וואס יעדער האט נהנה געווען פון אים. די גאנצע שטאט האט נהנה געווען, און כל שכן די וואס זענען געווען דבוק צו אים דא אין בית המדרש. וואס מען האט נאר אין יודישקייט ווייסט יעדער איינער אז ער האט עס צו פארדאנקען פארן רב. די מוסר וואס מען האט געהערט, און די הנהגה וואס מען האט געזעהן שטענדיג, דאס האט עושה רושם געווען. און דאס דארף בלייבן שטענדיג פאר די אויגן, אז מען זאל עס נישט פארגעסן.

*

**א** צדיק איז מגין אויף די שטאט, עס איז זיכער אז ווילאנג ער איז דא געווען, איז געווען א געוואלדיגע הגנה אויף די שטאט. ער איז געזעסן און געלערנט לילות כימים. גאנצע נעכט האט געברענט די לעקטער, און מען איז געזעסן און געלערנט. עס איז זיכער געווען אן הגנה פאר די שטאט, וואס דאס איז ליידער צוגענומען געווארן פון אונז.

**עס** האט מיר דערציילט דער **מונקאטשער רב זאל זיין געזונט**, אז אלץ יונגערמאן איז ער אמאל געווען ביים **סאטמארער רב זי"ע** אין שטוב מוצאי שבת, און מען איז געזעסן און געשמועסט אין דברי תורה, און אנדערע ענינים ביז פארטאגס. ווען עס איז געווען נאנט צו פארטאגס, איז דער **סאטמארער רב ז"ל**

צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט ארויסגעקוקט. ווען ער האט ארויסגעקוקט, האט ער געזעהן ווי א יוד גייט אין בית המדרש, האט ער געזאגט, נו, יודען שטייען שוין אויף צו גיין אין בית המדרש לערנען, קען מען זיך שוין גיין לייגן. - ער האט נישט געוואלט גיין שלאפן, ביז עס איז נישט דא דער צווייטער מחזור פון תורה, אז מען שטייט שוין אויף לערנען.

**מיר** האבן געהאט א צדיק וואס איז געזעסן און געלערנט גאנצע נעכט, ביז ווילאנג ער איז געזעסן און געלערנט, איז געווען די הגנה אויף די שטאט. מיר דארפן עס משלים זיין. מקבל זיין אויף זיך קביעת עתים לתורה, יעדע פרייע צייט אוועקצוגעבן פאר לערנען. דאווענען אזוי ווי מען האט געזעהן אז א דאווענען דארף אויסצוזעהן, נישט שמועסן ביים דאווענען, נאר זיך פירן ערליך. דעמאלטס קענען מיר ממשיך זיין, אז מה כאן עומד ומשמש, אף התם עומד ומשמש. אזוי ווי דא איז ער געווען א טאטע פאר יעדן איינעם, פאר יעדן איינעם האט ער געזוכט זיין טובה, געזוכט ארויסצוהעלפן א צווייטן, וועט ער זיכער זיין א עומד ומשמש דארטן אויך.

**ער** האט זיכער איבערגעלאזט אוצרות מיט ספרים וואס מען דארף עס מסדר זיין, און מען דארף עס דרוקן. די קינדער וועלן זיך זיכער אפגעבן דערמיט. עס איז א געוואלדיגע זכות פאר יעדן איינעם וואס וועט זיך משתתף זיין דערצו, האבן א חלק אין זיין תורה, עס זאל נישט נשתכח ווערן חכמת חכמיו. מיר האבן פארלוירן דעם חכם, אבער די חכמת חכמיו, דאס וואס ער האט געשריבן, זאל נישט פארלוירן ווערן, און מען זאל דאס קענען ארויסגעבן. און ער וועט זיכער זיין א מליץ יושר פאר די אלע. דער אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, עב"ג בן הר"ר **נפתלי צבי ציג** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***<u>יום שלישי פרשת חיי שרה</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק דייטש** ע"ה.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**רבינו:** ווערמענס תלמיד איז ער געווען?

**א' האבלים:** ער האט געלערנט אין אונגווואר, אין מישקאלץ, אין קאלוב, אין באטור. ער איז אסאך געפארן צו צדיקים, ער איז געווען אדוק אין טאהש און אין קאסאן. ער פלעגט חלומ'ען פונעם **טאהשער רבי** און פונעם **קאסאנער רב**.

**רבינו:** עס שטייט אין די תולדות פונעם **שומר אמונים רבי זצ"ל** פון בני ברק, א זון פון **רבי אהרן ראטה זצ"ל** (בעל **שומר אמונים**), אז ער איז געווען זייער אדוק אינעם פריערדיגען **בעלזער רב, רבי אהרן זי"ע**. און ווען ער פלעגט צו חלומ'ען פון זיין רבי, האט ער דעם אנדערן טאג נישט געזאגט קיין תחנון. עס איז געווען ביי אים אזוי ווי א יום טוב.

**א' האבלים:** מיר האבן געהאט א זיידע **רבי חיים אורי פון ריישא**, פון די בריזל משפחה. ער איז געווען א זון פון **רבי יוזעף נאנאשער**, ער איז געווען א בעל מופת, ער האט געהאט א תלמיד **רבי שלמה לייב טיטשינ'ער**, עס איז דא פון אים א ספר **הכנת לב לתפלה**. און א נעפיו האט באשריבען, נאך אינדערהיים, מעשיות וואס ער האט געהערט פון זיין פעטער. האט ער געזאגט, אז **רבי שלמה לייב** האט אים געזאגט, ווען איך האב זיך געחלומ'ט מיט **רבי חיים אורי ריישער**, האב איך געוואוסט אז דער קומענדיגען טאג וועל איך הערן א בשורה טובה. עס איז געדרוקט אין **ברכה שלמה** (וציין שם לדברי הגמרא (מנחות פד:) אמר רבי אלעזר, רבי יוחנן חזאי בחלמא, מילתא מעלייתא אמינא ע"ש).

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **אברהם צבי פריעדמאן** שליט"א דומ"ץ גאלאנטא, עב"ג בת הר"ר **אברהם יקותיאל פרנס** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

***יום חמישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חנני' יו"ט ליפא קויפמאן** ע"ה.

אחר כך הגיע **הרה"ג רבי משה קאהן שליט"א** אב"ד תולדות אהרן לאנדאן (בן כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לשבע ברכות של בנו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו התעניין על רבנותו בק"ק תו"א בעיר לאנדאן**

**הגר"מ קאהן:** איך בין דארט רב, אבער איך וואוין נאך אין ארץ ישראל. דער **אמרי חיים זצ"ל** איז געווען רב אין ווילחאוויץ, און געוואוינט האט ער אין וויזניץ, ביים טאטען. ער האט נישט געוואלט אוועקגיין פון זיין טאטען. - אז מען קען בלייבען נעבן א טאטען, איז בעסער.

**רבינו:** און אז מען קען בלייבען אין ארץ ישראל, איז נאך בעסער.

**הגר"מ קאהן:** דאס איז א חוץ פון דעם.

**רבינו:** מען דארף זיך נישט בענקען אויף חוץ לארץ.

**הגר"מ קאהן:** ארץ העמים. און על אחת כמה וכמה אז מען קען בלייבען אין ירושלים איז זיכער בעסער.

**רבינו:** דער **חתם סופר** (פ' ויצא קלג:) שרייבט, אז מען זעהט ביי יעקב אבינו, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון באר שבע געפונט מען נישט אז ער זאל האבן קפיצת הארץ אויפן וועג צו לבן, נאר ווען ער האט זיך דערמאנט, אפשר שעברתי על מקום שהתפללו בו אבותי, מיד קפצה לו הארץ. זאגט דער **חתם סופר**, ווען יעקב גייט ארויס פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ, איז נישט דא קיין קפצה לו הארץ. נאר ווען ער איז אין חוץ לארץ, און ער דערמאנט זיך אז ער וויל צוריק גיין קיין ארץ ישראל, דעמאלטס איז קפצה לו הארץ.

מען זעהט די וואך אין די פרשה, אז אליעזר האט געהאט קפיצת הארץ, ואבא היום אל העין (בראשית כד-מב). און ער האט געברענגט פאר זיי פירות, ומגדנות נתן לאחיה ולאמה (שם כד-נג). מען טאר דאך נישט ארויסטראגען קיין פירות פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ, ווי אזוי האט ער גענומען פירות ארץ ישראל און ארויסגעטראגען קיין חוץ לארץ. איך האב געזעהן שטיין, אז אזוי ווי ער האט געהאט קפיצת הארץ, און ער האט זיך נישט גערישט דערויף, האט ער מיטגענומען פירות אויפן גאנצן וועג צו עסן. און ביז דערוויל איז ער אנגעקומען אינעם זעלבן טאג, איז אים איבערגעבליבן א גאנצע פעקל מיט פירות, וואס ער האט זיך צוגעגרייט צו עסן אויפן וועג. האט ער זיי געזאגט, היום יצאתי והיום באתי, און עס איז מיר איבערגעבליבען דאס פעקל עסן.

מען זעהט אז אליעזר האט נישט געבעטן א פלאץ וואו צו עסן, ער האט נאר געפרעגט, צו עס איז דא א מקום ללון. ווייל עסן האט ער געהאט, עס איז אים איבערגעבליבען פונעם גאנצן וועג, וואס ער האט געהאט קפיצת הארץ. נאר אויף שלאפן האט ער געדארפט האבן א פלאץ וואו ער קען זיך לייגען.

**הגר"מ קאהן:** דער **באר מים חיים** (בפרשתנו ד"ה ויאמר אברהם) זאגט, אז אליעזר איז געווען דער דולה ומשקה פון אברהם אבינו, ער האט אים אלעס געגלייבט, וכל טוב אדוניו בידו (בראשית כד-י), דער שטר מתנה איז געלעגן ביי אליעזר. אבער ווען עס איז געקומען צו א שידוך, באשווערט ער אים. לכאורה וואס האסטו מורא, ער איז דאך דיין איש נאמן. זאגט דער **באר מים חיים**, אברהם אבינו האט געזאגט, ווען עס קומט צו עניני גשמיות קענסטו אלעס נעמען, עס אינטערעסירט מיך נישט. אבער נישט ביי רוחניות. זאגט ער, לא כן בבני עמנו, בדורותינו היום, וואס ווען ער קומט צו א מענטש, און ער זאגט אים אז ער איז א שוחט, פארלאזט ער זיך אויף אים, און ער גלייבט אים. אבער ווען עס קומט צו בארגען כסף וזהב, פרעגט ער מי אתה, ווער ביסטו, איך גלייב דיר נישט אזוי.

**רבינו:** אויף גשמיות אינטערעסירט מען זיך.

**הגר"מ קאהן:** איך וויל לאדענען דעם רב אויף א שבע ברכות. איך ווייס נישט צו מען מעג מטריח זיין.

**רבינו:** אי"ה. דער אייבערשטער זאל העלפען, מען זאל זעהן אסאך נחת, ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב.

**הגר"מ קאהן:** ביים רב אויך געזונטערהייט מיט סייעתא דשמיא.

**וכיבדו רבינו בספר שמן ראש על סדר בראשית**

**הגר"מ קאהן:** מען וועט קענען נאכזאגען בשם אומרו.

**רבינו:** אן בשם אומרו קען מען אויך נאכזאגען.

**הגר"מ קאהן:** עס איז דאך מביא גאולה לעולם.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה ישעי' ליפשיץ** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** מיין טאטע ז"ל איז געווען א מלמד אין די אמעריקאנער ישיבות, ישיבה דקראון הייטס, און אין ישיבה ד'פלעטבוש.

**רבינו:** מיט יענע טוט מען אסאך מאל מער אויף, ווי מען טוט אויף מיט די היימישע. די היימישע האבן דאך גוטע שטובער אזוי אויך.

**א' האבלים:** דער פעטער **רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל**, איז אין אנפאנג געווען א מלמד אין הרב מאנדעלס ישיבה, ישיבה דברוקלין. האט ער פארציילט, אז מען האט אים נאכדעם אנגעטראגען צו זיין מנהל אין הרב קאפעלמאן'ס ישיבה, איז ער געגאנגען פרעגן דעם **סקווערער רבי זצ"ל**. האט אים דער **סקווירא רבי** געזאגט, אז דער וואס טוט אויף ביי אזעלכע סארט קינדער, דארף בלייבען ביי דעם. הרב קאפעלמאן וועט שוין טרעפן א צווייטען. האט ער מיר געזאגט, אז עס האט אים דאך געשטופט צו גיין, איז ער געגאנגען פרעגן דעם **סאטמארער רב זצ"ל**, האט ער אים אויך געגעבן די זעלבע תשובה, אז ער זאל דארט בלייבען.

**רבינו: רבי משה וואלפסאן זאל זיין געזונט**, האט פארציילט, אז ביי זיין שווער האט מען געגעסן מאשין מצות, און ער האט געדארפט גיין צום סדר צום שווער, און ער האט נישט געוואלט עסן מיט די מאשין מצות אויפן טיש. פאר זיך קען ער מיטנעמען מצות, אבער נישט צו עסן אויף איין טיש. איז ער אריינגעגאנגען פרעגן דעם **סאטמארער רב זצ"ל**, וואס ער זאל טון. האט ער אים געזאגט, עה, כולי האי. ער זאל גיין און ער זאל עסן פאר זיך. די תשובה האט אים נאכנישט בארואיגט, איז ער געגאנגען פרעגן דעם **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, האט ער אים געזאגט די זעלבע לשון, עה, כולי האי. ער זאל גיין. - ערליכע יודען זענען מכוון די זעלבע, זיי זענען אויף איין דעה.

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט ענטפערן יעדע צדקה בריוו'ל וואס ער האט באקומען.

**רבינו:** עס שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד רמט-ד) אז יעדער עני וואס בעהט, טאר מען נישט צוריקלאזן ליידיג. א צדקה בריוו איז שוין אפשר אנדערש[א].

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא. בתוך השיעור דיבר **רבינו שליט"א** בענין הנהגות ונימוס האדם בין אדם לחברו, ושלא להעמיס עצמו על אחרים.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** שטייט אין פסוק (בראשית כד-לב) ויבוא האיש הביתה, אליעזר איז אריינגעקומען אין שטוב, ויפתח הגמלים, און ער האט אויפגעמאכט די גמלים, ויתן תבן ומספוא לגמלים, און ער האט געגעבן עסן פאר די גמלים, ומים לרחוץ רגליו, און וואסער זיך צו וואשען די פוס, ורגלי האנשים אשר אתו. ויבא האיש הביתה, גייט ארויף אויף אליעזר, אליעזר איז אריינגעקומען אין שטוב. ויפתח הגמלים, טייטשט דער **רמב"ן**, אז דאס גייט צוריק ארויף אויף לבן. אליעזר האט אריינגעברענגט די גמלים אין שטוב, איז געגאנגען לבן און ער האט געעפענט די גמלים, ויתן תבן ומספוא לגמלים. ער איז דאך דער בעל הבית אין שטוב, האט ער געגעבן די תבן ומספוא, און ער האט געגעבן מים לרחוץ רגליו, אז מען זאל זיך וואשען די פוס. די ערשטע העלפט פונעם פסוק ויבא האיש הביתה, גייט ארויף אויף אליעזר, און ויפתח הגמלים גייט ארויף אויף לבן. אזוי טייטשט דער **רמב"ן** אויפן פלאץ. מען קען טייטשען אז עס גייט ארויף אויף אליעזר. ויבא האיש הביתה, און ויפתח הגמלים, אליעזר האט געעפענט די גמלים, ויתן תבן ומספוא לגמלים. ווען מען האט אים צוגעשטעלט די תבן ומספוא, האט ער עס געגעבן פאר די גמלים. ומים לרחוץ רגליו, ער האט גענומען די וואסער צו וואשען זיינע פוס, ורגלי האנשים אשר אתו.

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, ווען די אורחים זענען געקומען צו אברהם, ואל הבקר רץ אברהם, ויקח בן בקר רך וטוב, אברהם איז געלאפן אליין צו ברענגען פאר די געסט וואס מען דארף. און נאכדעם ויתן אל הנער, האט ער עס איבערגעגעבן פאר ישמעאל, וימהר לעשות אותו (בראשית יח-ז), רש"י זאגט, אז ער האט עס איבערגעגעבן פאר ישמעאל, לחנכו במצות, ער זאל זיך צוויילען און ברענגען פאר די געסט.

---

[א] מתוך דברי **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר תש"ס לפ"ק: בבית **אבא מארי זצ"ל** היה דחקות, ואף על פי כן היו משיבים גם על כל מכתב של צדקה שהיה בא על הדואר, ולא זרקו אף אחת מהם, כדי ליטול חלק בכל הצדקות (נדפס **בשמן ראש** פורים ח"א דף קטז).

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת זצ"ל**, אז ער האט אמאל געגעסן ביי זיך אין שטוב א סעודה, מיטאג צו נאכטמאל, און א אייניקעל האט מיטגעגעסן צוזאמען מיט אים. ווען עס איז געקומען פארן בענטשען, און מען האט געדארפט מים אחרונים, האט זיך דער **גערער רבי** אויפגעהויבען, און ער איז צוגעגאנגען צו די קראן, צו די פאס ווי עס איז געווען אמאל, און ער האט געברענגט מים אחרונים צום טיש. האט אים די רעבעצין געפרעגט, דו האסט דאך געהאט א אייניקעל זיצען ביים טיש, פארוואס האסטו זיך אויפגעהויבן און דו ביסט געגאנגען אליין נעמען. דו וואלסט דאך געקענט מחנך זיין דיין אייניקעל, צו די מצוה פון מים אחרונים, און די מצוה פון כיבוד זקנו, פארוואס ביסטו געגאנגען און דו האסט אליין גענומען. האט איר דער **אמרי אמת** געזאגט, דו ביסט גערעכט, מען דארף מחנך זיין דעם אייניקעל. איך האב אבער געוואלט מחנך זיין מיין אייניקעל צו א צווייטע זאך אויך, 'אז וואס מען קען טון אליין, זאל מען נישט ארויפלייגען אויף א צווייטען'. דאס איז אויך א חינוך. איך בין מחנך מיין אייניקעל אז וואס איך קען טון אליין, בעהט איך נישט אז דו זאלסט מיר טון. וואס איך קען נישט, בין איך אנגעוויזען אויף דיין הילף. אבער וואס איך קען טון, זאל מען טון אליין, דאס איז אויך א חינוך.

**האט** ער צוגעגעבן, אז אברהם האט אויך דאס זעלבע געטון. ואל הבקר רץ אברהם, ויקח בן בקר רך וטוב, און נאכדעם ויתן אל הנער, האט ער דאס איבערגעגעבן פאר ישמעאל, וימהר לעשות אותו. פארוואס האט ער נישט געהייסען אז אלעס זאל טון דער נער. נאר קודם האט ער אים געוואלט אויסלערנען אז אויב מען קען אליין לויפן נעמען, דארף מען אליין לויפן. מען קען דאך אבער נישט אלעס טון, נאכדעם ויתן אל הנער לעשות אותו.

**אמאל איז דא וואס מען קומט צו יענעם אויף געסטעריי, איך זאג עס פאר די יונגעלייט, מען גייט צו די עלטערן אין שטוב וכדומה, און ער מיינט, אז וויבאלד ער איז א גאסט ביי יענעם, בין איך יעצט אויף וויקעשא"ן. איך האב מיין וועטע"ר דארט, מיין טאטע און מאמע, צו מיין שווער און שוויגער, און זיי דארפן מיר אלעס צושטעלן ביז איך גיי אהיים. מען שטעלט זיך נישט אויף פונעם טיש, אלעס זאל מען מיר אראפלייגען. איך דארף נישט אראפפאקען פונעם טיש, איך בין יעצט א גאסט. אפילו ווען מען איז א גאסט ביי יענעם, וואס מען דארף האבען די געסטעריי דארף מען, אבער מען דארף זיך אויסלערנען, אז וואס מען קען טון אליין, לאזט מען נישט יענעם זאל דיך באדינען.**

**אליעזר** האט נישט געקענט בלייבן אינדרויסן, למה תעמוד בחוץ, ער דארף אריינקומען. ער קען נישט נעמען אליין צו עסן, נאר וואס מען וועט אים געבן. אבער וואס ער האט געקענט טון אליין, האט ער נישט געהייסען אז לבן זאל עס טון. ויבא האיש הביתה, ער איז אריינגעקומען אין שטוב, ויפתח הגמלים, ער האט געעפענט די גמלים, ויתן תבן ומספוא לגמלים, מען האט אים צוגעוויזען וואו די תבן ומספוא איז, האט ער זיך נישט געלאזט באדינען, ער האט אליין גענומען תבן ומספוא און געגעבן פאר די בהמות, ומים לרחוץ רגליו, ורגלי האנשים אשר אתו. די תורה וויל דיר דערציילען, אזוי ווי דער **גערער רבי** האט אויסגעלערנט דאס אייניקעל, אז אפילו דו ביסט ביי יענעם אויף געסטעריי, וואס דו קענסט טון אליין, בעהט מען נישט פון א צווייטען.

*

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרב **שמען אברהם כהן** שליט"א שישב שבעה על פטירת אביו הר"ר **משה יוסף כהן** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלום יוסף לעווינגער** הי"ו (חתן הר"ר יצחק מאיר בלומענפעלד הי"ו), שהתקיים באולם בית שרה. - ואצל שמחת השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי משה קאהן שליט"א** אב"ד תולדות אהרן לאנדאן (בן כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי ישכר דוב טויב שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א) שהתקיים באולם הילמאן פלאזא, והאציל מברכותיו להסב **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** ולהמחותנים וקרובי המשפחה.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת חיי שרה</u>***

בשעות הצהרים הגיע הרה"ג רבי **נפתלי צבי היילפרין** שליט"א אב"ד ברעזאן ירושלים (בן הגה"צ רבי יצחק היילפרין

שליט"א אב"ד ראדאמישלא ירושלים, וחתן כ"ק האדמו"ר מטשערנאביל שליט"א ב"ב) לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד ברעזאן ירושלים:** ווען דער רב האט געפירט אין ירושלים, אין מאה שערים, בין איך אויך געווען ביים רב. איך בין זייער נאנט געווען מיט **רבי אלטר אלי' רובינשטיין זצ"ל** (גאב"ד אנטווערפען, וחתן הגה"צ גאב"ד קטמון זצ"ל), איך האב יארן צוריק געלערנט ביי אים אין כולל. און שפעטער האב איך זיך אסאך געשריבען מיט אים.

**רבינו:** חבל על דאבדין.
איר וואוינט אין בני ברק אדער אין ירושלים?

**אב"ד ברעזאן:** אין ירושלים, איך פיר דארט די ברעזשאנער בית המדרש. מיין זיידע רבי אלחנן (**היילפרין זצ"ל** אב"ד ראדאמישלא) איז געווען א ברעזשאנער אייניקל.

**רבינו:** רבי אלחנן איז געווען א אדם חשוב מאוד.

**אב"ד ברעזאן:** ער איז אויפגעוואקסען ביים זיידען, דער **ראדאמישלער רב זצ"ל**. ער ברענגט שמעתי מזקני, וואס האט געהערט פון הייליגען **צאנזער רב זי"ע**.

**רבינו:** דער **ראדאמישלער רב** האט זיך געדרייט ביים צאנזער רב.

**אב"ד ברעזאן:** יא, און מיין זיידע האט אסאך קונה געווען ביים **ראדאמישלער רב**. עס איז דא אסאך זאכען וואס ער ברענגט אין זיינע ספרים, סיי אין די **תשובות שדה אלחנן**, און סיי אין די ספר על התורה **אמרי חן**, שמעתי מזקני ששמע **מהדברי חיים**, עס איז ממש א כלי שני. עס איז א זעלטענע זאך אין די לעצטערע יארן. זאכן וואס ער האט אליינס געהערט פונעם **ראדאמישלער רב**.

ער ברענגט אין זיין ספר, אז דער **ראדאמישלער רב** האט אמאל געזאגט, אז ביים הייליגען רב, דער **צאנזער רב**, צו זעהן נשמות ארויפגיין און אראפגיין די טרעפן, איז געווען מעשים בכל יום. ער האט געוואוינט אין גארליץ, און ער איז געווען דיין אין גארליץ, און ער איז געווען א שטארקער צאנזער חסיד. שפעטער איז ער טאקע געפארן צום **גארליצער רב**, און צום **שינאווער רב**. מיין זיידע פלעגט זאגען, אז א חסיד איז ער געווען מער א גארליצער ווי א שינאווער. דער **גארליצער רב** האט געהאט זייער א קליינעם עולם.

**רבינו:** עס איז געווען שווער זיך אדורכצוקומען.

**אב"ד ברעזאן:** דער **פתחא זוטא** איז אויך געפארן קיין גארליץ.

**רבינו:** אבער די חסידים וואס דער **גארליצער רב** האט געהאט, זענען געווען שטארק אדוק אין אים.

**אב"ד ברעזאן:** ער איז געווען א שטיק בעל שם, אזא לשון איז דא אויף אים.

**רבינו:** אזוי ווי די גמרא (עירובין יג:) זאגט אויף רבי מאיר, אז נישט יעדער האט געקענט עומד זיין על סוף דעתו.

**אב"ד ברעזאן:** דער **שינאווער רב** איז אויך געווען א שארפער.

**רבינו:** ביים **שינאווער רב** איז געווען א אנדערע סארט שארפקייט.

**אב"ד ברעזאן:** דער **שינאווער רב** האט געזאגט, איך הייס אויך א איש אמת, די חילוק איז נאר, ווען איך זעה איינער וואס איז כולו שקר, און איין פינטעל אמת, כאפ איך זיך צו צו דעם. אבער מיין ברודער, איז כולו אמת, אז טאמער ער זעהט נאר איין פינטעל שקר, איז עס...

**הר"ר יצחק אייזיק גאדינגער הי"ו:** איך האב געזעהן א בריוו פון מיין זיידעס טאטע, רבי יחזקאל לעפקאוויטש'ס טאטע, אז ער איז געווען ביים **שינאווער רב** מיט א קוויטל, וואס ער האט אליין געשריבען, און ער האט געשריבען א ז', אזוי ווי מען האט אונז אויסגעלערנט. האט אים דער **שינאווער רב** געזאגט, יונגערמאן קום אהער וועל איך דיר אויסלערנען אז מען דארף שרייבען א ז' ווי א Z.

**רבינו:** מיין טאטע האט אויך געשריבען א ז' אזוי ווי א Z.

**אב"ד ברעזאן:** מיין זיידע **רבי אלחנן** האט אויך אזוי געשריבען.

**רבינו:** **רבי משה דייטש זצ"ל** פון לאנדאן (אב"ד שאץ לאנדאן, בן הגה"צ גאב"ד קטמון זצ"ל) איז געווען מיין שוועסטער קינד, און ער האט געהאלטן אויפן זיידען (הגר"א הלפרין זצ"ל) עולם ומלואו. פון זיין צדקות.

**אב"ד ברעזאן:** עס איז געווען א יוד אין לאנדאן, וואס איז געווען א הויז בחור פונעם **קרייז'ער רב**, **רבי אהרן**, דער **צאנזער רב'ס** זון. און דער **קרייז'ער רב** האט אים אמאל געגעבן אלץ הכרת הטוב, א גאלדענעם לעפל פונעם הייליגען **דברי חיים**. און איינמאל לעת זקנותו האט ער עס געברענגט צום זיידען, און ער האט געזאגט, מיינע קינדער פארשטייען נישט צו דעם, ער האט געהאט שוואכע קינדער, און אזוי ווי דער רב איז א צאנזער אייניקל,

און עס וועט זיין א חשיבות, וויל איך עס געבן פארן רב א מתנה. דער זיידע האט עס גענומען, און ער האט עס געהאלטן זייער פאר א חשיבות, ער האט עס גע'כשר'ט, און ער האט עס גענוצט נאר פסח ביים סדר, און יעדער האט עס געקענט נוצן.

לימים איז א אייניקל פון דעם יוד געווארן א חסידישער יוד, און מיין זיידע האט אים מקרב געווען, עד כדי כך אז ער גייט מיט א שטריימעל, און זיינע קינדער גייען שוין מיט ווייסע זאקען. באבוב'ער חסידים, זייער חשובע יונגעלייט. און ער האט אנגעהויבן צו מוטשענען מיין זיידע זייער שטארק, אז ער וויל האבען דעם לעפל. און ער האט געזאגט פארן זיידען, אז די גאנצע טעם פארוואס מיין זיידע האט געגעבן פארן רב דאס לעפל, איז נאר ווייל ער האט נישט קיין אייניקלעך וואס פארשטייען דערצו, אבער אונז פארשטיי מיר צו דעם זייער גוט, מיר זענען באבוב'ער חסידים, ביי אונז האט א לעפל פונעם **דברי חיים** א גרויס חשיבות. און דער זיידע האט נישט געהאט קיין חשק עס צו געבן.

לימים האט מיין זיידע געדארפט האבען געלט פאר עפעס א דבר מצוה, הכנסת כלה פאר א יתומה אין ירושלים, און ווען ער איז אדורך דעם בית המדרש, זעהט ער דעם יונגערמאן, ער איז געווען א בעל בתיש'ער יונגערמאן, און ער זאגט אים, דו האסט מיר אסאך געמוטשעט וועגן דעם לעפל פונעם **דברי חיים**, איך דארף האבען זייער וויכטיג פינף הונדערט פונט, טאמער ברענגסטו מיר דעם סכום געלט, געב איך דיר אוועק דעם לעפל. דער יוד איז געלאפן אהיים און געברענגט דאס געלט, און מיין זיידע האט אים אהינגעגעבן דאס לעפל.

**רבינו:** איך האב געהערט פון רבי משה דייטש, אויפן שידוך פון רבי אלחנן, אז ער האט זיך געהאט פארגענומען אז דעם ערשטען שידוך וואס מען וועט אים אנטראגען גייט ער טון. און לפי ערכו איז עס נישט געווען אזא שידוך וואס איז געווען צוגעפאסט, און ער האט געטון דעם שידוך, ווייל ער וויל נישט בלייבען א בחור. און רבי משה פלעגט צו זאגען, אז וועגן דעם האט ער אזעלכע גוטע קינדער.

**אב"ד ברעזאן:** מען האט אים פרובירט אפצורעדן, ער האט זיך געדרייט ביים **שאצער רב זצ"ל**, און מען האט פראבירט ארייינצוגיין צום שאצער רב, אז ער זאל אים אפרעדן. מיין באבע איז געווען א מיידעל א יתומה, זי איז געווען א עלענדע מיידל אויף די וועלט, די גאנצע משפחה איז אומגעקומען אין די קריג. איר טאטע איז געווען א אלכסנדר חסיד, ער האט געוואוינט אין לאדזש, און דער זיידע איז נתגלגל געווארן קיין פראנקפורט, און עס איז געווען זייער זייער נישט לפי ערכו דער שידוך. און מיין זיידע האט דאס געענטפערט פארן שאצער רב, איך וויל טון דעם שידוך, ווייל דאס איז די ערשטע שידוך וואס מען האט מיר אנגעטראגען. זי איז געווען זייער א חשובע מיידל.

**רבינו:** א גרויסע מלומדת.

**אב"ד ברעזאן:** א זאך וואס מען קען זיך גארנישט איבערזאגען ווייל קיינער וועט נישט גלייבען. זי האט געקענט גאנץ תנ"ך, בעסער ווי איך קען אשרי. זי האט געקענט דעם **ישמח משה** פון דעקל צו דעקל, זי האט געקענט דעם **תניא**. זי פלעגט אונז זאגען, וואס הייסט א חסידישער בחור קען נישט קיין תניא?! ווען מיין זיידע פלעגט צוריק קומען פון די שבת הגדול דרשה אדער די שבת שובה דרשה, פלעגט זי אלעמאל זאגען הערות.

**רבינו:** די גמרא זאגט, הנושא אשה לשם שמים וכו'[ב].

**אב"ד ברעזאן:** מען האט געזאגט פארן **שאצער רב,** אז זי וועט נישט לאזען אז ער זאל גיין מיט ווייסע זאקען. אין טאג פון די חופה איז מיין זיידע אריינגעקומען צום שאצער רב נעמען א ברכה, און און ער איז אריינגעקומען מיט די שטריימעל און ווייסע זאקען, און דער שאצער רב האט אים באטראכט פון אויבן ביז אראפ, און ער האט אים געגעבן א קיש אין די שטערן. נאכדעם האט דער שאצער רב געזאגט אויף מיין באבע, אז זי איז כרחל וכלאה. מיין זיידע האט עס געהייסען שרייבען אויף די מצבה, אז דער שאצער רב האט מעיד געווען אויף איר, אז זי איז כרחל וכלאה. זי איז טאקע געווען א געוואלדיגע פרוי, אין אזא פלאץ ווי גאלדערס גרין בימים ההם. מיין זיידע פלעגט זאגען, אז אויב ער האט געוואלט זעהן א

---

[ב] מתוך דברי **רבינו שליט"א** בהספידו בדרשת ז' אדר תשע"ה לפ"ק: כאשר בא לזמן שידוכין, הציעו לו כמה משפחות מיוחסות, ובהיות שרצה להתחתן קודם היותו בן עשרים שנה, השתדך עם בתולה שהיתה מסכמת להשתדך תיכף. וזכה להעמיד דורות ישרים לתפארת בגאלדעס גרין, וכהבטחת חז"ל (דרך ארץ זוטא ז) הנושא אשה לשם שמים יוצאין ממנו בנים שמושיעין את ישראל (נדפס **בשמן ראש** פורים ח"ב דף קסז).

יוד מיט א בארד, האט ער זיך געדארפט שטעלן אקעגן דעם שפיגעל... אין די גאנצע געגענט איז נישט געווען קיין איין יוד מיט א בארד.

**רבינו:** ווי אזוי איז ער אנגעקומען קיין גאלדערס גרין?

**אב"ד ברעזאן:** ער האט געהאט א מעשה פלא, ער איז געווען א בחור, און ער האט געוואוינט אין קאשוי ביים **ראדאמישלער רב**, און ווען דער ראדאמישלער רב איז אוועק, האט ער געלערנט אין די צאנזער קלויז דארט אין קאשוי. רבי העניך פאק איז געווען דארט דיין, און ער האט דארט געלערנט. דער **סטראפקובער רב זצ"ל**, דער **שינאווער רב'ס** זון, האט געוואוינט אין קאשוי. תרצ"ט איז געווארן שווערע צייטן פאר די קריג, און מען האט אנגעהויבן צו טראכטען אז מען דארף אנטלויפן. און איינע פון די וועגן צו אנטלויפן איז געווען, אז אין ענגלאנד אויב א משפחה האט געבעטן אז מען זאל ארויסקומען, האט מען געקענט ארויסברענגען בחורים ביז א געוויסע יאר. און ער האט נישט געוואוסט פון קיין שום משפחה אין ענגלאנד.

לימים איז געווען א יוד פון קאשוי, וואס האט געהייסען שווארץ, און ער איז געפארן קיין ענגלאנד נאך געלט פאר זיך. ער פלעגט דארט זיצען אפאר חדשים, און נאכדעם פלעגט ער צוריקקומען קיין קאשוי. איינמאל ווען ער איז אוועקגעפארן פון ענגלאנד, האט אים געזאגט א יוד, רבי יוסף הלפרין, נישט אונזערס א משפחה. אז ער שטאמט פון רוזינער חסידים, און ער וויל זיך מאכען א בעקיטשע, און עס איז נישט דא אין גאנץ ענגלאנד א שניידער וואס ווייסט ווי אזוי מען נייעט א בעקיטשע. האט ער געקויפט זיידענע שטאף, און ער האט אים געזאגט, דו פארסט קיין קאשוי, זאלסטו מיר נייען א בעקיטשע ביים שניידער, און ווען דו קומסט צוריק די קומענדיגע יאר, זאלסטו מיר ברענגען די בעקיטשע. האט ער אים געזאגט בסדר, פארוואס נישט.

מיין זיידע האט געהאט א יונגערן ברודער, שמעון, ער האט שפעטער געוואוינט אין מאנטשעסטער, און נאכדעם אין בארא פארק, ער איז געווען א בחור, און ער איז געגאנגען צום שניידער פאררעכטען פאר זיך אפאר הויזן. ווען ער קומט אן צום שניידער, זעהט ער ווי עס הענגט א בעקיטשע, און עס שטייט אויפגעשריבען אויף דעם, יוסף הלפרין פון ענגלאנד. ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער דערציילט פאר זיין טאטען, אז ער האט געזעהן א בעקיטשע פאר הלפרין פון ענגלאנד. האט זיין טאטע געזאגט, אפשר קענען מיר דאס אויסנוצען, האט מען אויפגעזוכט יענעמס אדרעס, און מען האט אים געשיקט א טעלעגראם, אז ער זאל בעטן אלץ הלפרין, אז מען זאל ארויסברענגען דעם בחור אלחנן הלפרין פון קאשוי קיין מאנטשעסטער. דארט איז געווען די ישיבה פון הרב משה יצחק סגל. און כך הוה, מען האט אים ארויסגעבעטן.

ווען מיין זיידע האט געוואלט פארן, איז ער געגאנגען צום **סטראפקובער רב** זיך געזעגענען, און דער סטראפקובער רב איז פונקט דעמאלטס געשלאפן, און דער באן האט שוין געדארפט ארויספארן. און זיין טאטע מאמע האבן געזאגט, עס איז שווערע צייטן, מען האט שוין באשטעלט די באן, מען דארף פארן. און ער האט געזאגט, אן זיך געזעגענען פונעם סטראפקובער רב פאר איך נישט. עס איז אלעס מן השמים, די קומענדיגע באן איז ערשט געפארן צוויי וואכען שפעטער. און ער איז אנגעקומען קיין מאנטשעסטער ערב ראש חודש ניסן, צו רבי יוסף הלפרין אינדערהיים. און דער רבי יוסף פרעגט אים, וואס פלאנסטו צו מאכען דא אין מאנטשעסטער. זאגט ער אים, איך וויל דא לערנען אין ישיבה. זאגט ער אים, היינט ענדיגט זיך די ישיבה, עס איז ערב ראש חודש ניסן. האט ער געזאגט, אז ער האט געהערט אז אין לאנדאן איז דא דער **שאצער רב**, און מיר זענען שאצער אייניקלעך, איך וועל פארן אויף פסח קיין לאנדאן צום שאצער רב, און נאך פסח וועל איך צוריקקומען אין ישיבה אויף חודש אייר. וכך הוה, ער איז געפארן פון מאנטשעסטער קיין לאנדאן צום שאצער רב אויף פסח, און ער איז שוין דארט פארבליבען, ער איז נישט צוריקגעפארן קיין מאנטשעסטער. דער שאצער רב האט אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב, און ער איז געוואקסען ביים שאצער רב.

דער זיידע פלעגט אלץ זאגען, איינס, אז איך בין ניצל געווארן אין זכות פון א יודישען מלבוש, אין זכות פון די בעקיטשע. און צווייטענס, אז איך בין אנגעקומען וואו איך בין אנגעקומען אין זכות פון דעם וואס איך האב זיך גע'עקש'נט אז איך פאר נישט אוועק אן זיך געזעגענען פונעם **סטראפקובער רב**. ווייל ווען איך פאר צוויי וואכען פאר דעם, גיי איך אריין צו הרב סגל אין ישיבה, און איך וואלט נישט אנגעקומען קיין לאנדאן. און תש"ב האט ער

שוין חתונה געהאט, און ער האט געעפענט זיין בית המדרש אפאר חדשים נאך די חתונה. ער האט חתונה געהאט ניסן תש"ב, און אלול, פרשת כי תצא, האט ער געעפענט זיין בית המדרש.

מיין זיידע האט געזאגט דריי און זיבעציג שבת הגדול דרשות און שבת שובה דרשות אינעם זעלבן בית המדרש. עס איז נישט דא אזא זאך אין די היסטאריע. ווען ער איז אוועק האט איינער געזאגט, אז מען קען שרייבן אויף אים אלע טיטלען, אויסער מלפנים רב ב...

די געגענט איז געווען פאר דעם א מדבר שממה. מיין טאטע האט אמאל געפרעגט מיין באבע, איך פארשטיי נישט, עטץ האטס חתונה געהאט דארט צוויי עלענדע מענטשען אליין, מן הסתם איז די חופה געווען זייער א טרויעריגע חופה. האט מיין באבע געזאגט, איך האב גארנישט געוויינט ביי די חופה, דער אייבערשטער וויל אזוי, איך בין ניצל געווארן, איך האב חתונה. ווייסט ווען איך האב יא געוויינט, די ערשטע שבת אין גאלדערס גרין. איך בין געווען אפאר חדשים נאך די חתונה, איך האב געוואוינט קודם אין סטעמפארד הילס, אין די היימישע געגענט, און די ערשטע שבת בין איך געשטאנען ביי די לעכט, און איך האב געזאגט פארן רבונו של עולם, דא אין אזא פלאץ גיי איך מגדל זיין מיינע קינדער?! דארט ביי יענע לעכט צינדען, אוי האב איך געוויינט.

**רבינו:** זי האט זיך גוט אויסגעוויינט...

**רי"א גאדינגער:** די גאליציאנער כולל מאכט א דינער מוצאי שבת, און מען האט געבעטן אז ער זאל קומען רעדן.

**אב"ד ברעזאן:** איך האב מיטגעברענגט פון ארץ ישראל, מיין טאטע האט בירושה פון מיין זיידען רבי אלחנן, **רבי מאיר פרעמישלאנער'ס** א בעכער. רבי **לייבוש ברעזאנער** איז געווען א איידעם ביי **רבי יואל שאצער** וואס איז געווען א איידעם ביי **רבי מאיר פרעמישלאנער**. דער בעכער איז געלעגען אסאך יארן ביי **רבי איציקל** (**מפשעווארסק זצ"ל**) אין אנטווערפן. רבי איציקל האט געבעטן דעם בעכער, ער האט גע'פועל'ט מיט דעם גרויסע ישועות. מיין זיידע איז געווען זייער נאנט מיט רבי איציקל.

**רבינו:** ער פלעגט פארן צו אים.

**אב"ד ברעזאן:** ער פלעגט פארן יעדן שבת פרשת פרה, ווייל מען דארף פארן צו א צדיק הדור. דער **צאנזער רב** פלעגט פארן צום **רבי ר' הערש**.

**רבינו:** דארף מען דאך א ברכה, עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה, מיט נשיאת חן. איך האב הנאה אז איר האט א גוטע אכסניא (אצל הרבני הנגיד רבי יצחק אייזיק גאדינגער הי"ו, מתלמידי רבינו שליט"א בישיבת סאמבאטהעלי). איך האב גרויס הנאה געהאט פונעם שמועס, איך בין געווואר געווארן אסאך פיינע זאכן.

**וכיבדו רבינו בספר שמן ראש, ונפרדו לשלום**

*

***שבת קודש פרשת חיי שרה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי נפתלי צבי האלפערין שליט"א** אב"ד ברעזאן ירושלים בברכת המזון.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת לאנגזאם, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **נח לאנגזאם** הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** מען האט זיך געקענט אביסל (ששהו ביחד במחנה הקיץ אייזמאנס בוואודרידזש).

**רבינו:** די מאמע איז געווען א אשת חיל. זי האט שטארק מכבד געווען דעם טאטען.

**א' האבלים:** איזהו אשה כשרה, העושה רצון בעלה.

דער טאטע (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) פלעגט אויך קומען דארט אין קאנטרי אויף א וואך צוויי. איך געדענק אז ווען ער פלעגט קומען, פלעגט מען אים צושטעלן א סטענדער אויף די רעכטע זייט. און ער האט געהאט א סידור, און ער פלעגט אסאך אריינשרייבן אינעם סידור. ער פלעגט שרייבן אסאך ראשי תיבות. דער **ויאמר יהושע** איז אסאך ראשי תיבות און גימטריאות. עס איז ארויסגעקומען אויף סוכות און אויף חנוכה. אמאל ביי די יארצייט סעודה כ"א אב, אין בעלזא קעמפ, האט ער געזאגט, לזכר עולם יהיה צדיק (תהלים קיב-ו) יהי"ה איז בגימטריא דרייסיג, די רב ז"ל איז געווען רבי דרייסיג יאר.

ער איז געווען מוהל ביי אונז אסאך מאל. אונז האב מיר געוואוינט אין די איסט סייד. איין ברית תשכ"א איז געווען שבת, דער טאטע איז געקומען פרייטאג

צוגרייטן, און שבת האט ער אריינגעוואק"ט און צוריקגעוואק"ט.

**רבינו:** מן הסתם בין איך אויך געווען דארט, ווייל ווען ער איז געגאנגען שבת, פלעגט איך צו באגלייטן.

**א' האבלים:** פרייטאג איז ער זיכער געווען אליין, ווייל ער האט מיר פארהערט אויף די גאס די גמרא (בבא מציעא לג.) פון אבידתו ואבידת רבו. איך בין געווען א יונגעל און איך האב זיך געשפילט אויף די גאס, האט ער מיך אפגעשטעלט און ער האט מיך פארהערט. ווען מען האט אנגעהויבן צו לערנען גמרא, האבען מיר קודם געלערנט די משנה פון אבידתו ואבידת רבו, האט ער מיך מיט נאך א יונגעל פארהערט אויף די גאס.

**רבינו:** מען זאגט נאך פון **רבי משה פיינשטיין זצ"ל** אז מען האט אים אמאל געפרעגט, פארוואס מען לערנט מיט די קינדער אין אנהייב מסכת בבא מציעא, מען וואלט ענדערש געדארפט לערנען מיט זיי מסכת ברכות, א זאך וואס איז נוגע, תפלה מיט קריאת שמע. האט **רבי משה** געזאגט, אז מען האט אזוי איינגעפירט, איז א סימן אז עס דארף אזוי צו זיין. מען דארף אויסלערנען א קינד, אז יענעמס געלט טאר מען נישט צורירן. אז דו האסט געטראפן א אבידה, דארף מען פרעגן ווען מען געהערט עס, פאר וועם גיט מען עס צוריק.

**א' הנוכחים:** ביי אונז האט מען אנגעהויבן אבידתו ואבידת רבו, אויסצולערנען אז מען דארף האבען דרך ארץ פאר א רבי'ן, שמביאו לחיי העולם הבא.

**רבינו** (בצחות): און מען האט זיך עס נאכנישט אויסגעלערנט...

**א' האבלים:** הרה"ח רבי שמעון לאנדא ז"ל האט אויך געוואוינט אין די איסט סייד, און אסאך מאל ווען די באס איז נישט געקומען אונז אפנעמען, פלעגט ער צוזאמנעמען אלע קינדער פון די הייזער, און אונז נעמען צו דעלענסי סטריט, און נעמען די סיטי באס קיין וויליאמסבורג. און ווען מיר פלעגן שטיין ביי די באס סטאפ, האט ער אונז אויסגעלערנט, אז מיר זענען אין גלות, און די גוים דאס איז זייער וועלט. קודם דארף מען לאזן אלע גוים ארויפגיין אויפן באס, און מיר זענען אין גלות,ווארטן מיר, און מיר גייען צום לעצט. דאס האט ער אונז אויסגעלערנט ווען מיר זענען געווען קליינע קינדער.

אויך האב ער אונז אויסגעלערנט, אז ווען מען פארט אינעם עלעוועיטאר מיט א גוי, זאל מען זאגען גו"ד מארנונ"ג פאר יעדן גוי.

ער האט אונז אויך אויסגעלערנט אז ווען מען גייט אדורך א טומאה, דארף מען זאגען שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא, און געבן א שפיי אינדערזייט, אז גוים זאלן נישט זעהן.

**רבינו:** רבי שמעון איז געווען א חסידישער יוד. ער האט געהאט אויף די הענט אויסגעקריצט KL.

**א' האבלים:** עס האט געמיינט ק'אנצענטראציע ל'אגער. פאר אונז פלעגט ער זאגען, אז דאס איז די ראשי תיבות ק'ודש ל'ה'.

*

כמו כן ניחם **רבינו שליט"א** אצל האחים **כ"ק האדמו"ר מליסקא שליט"א, והגה"צ אב"ד היכנוב שליט"א** שישבו שבעה על פטירת אמם הרבנית מליסקא ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא, עב"ג בן הר"ר **נפתלי צבי ציג** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, מען הייבט אן אין דעם כבוד פון די וואס האבען צוגעשטעלט דעם שבע ברכות, די יונגעלייט פונעם בית המדרש. איך מוז זאגען אז איך האב א געוואלדיגע הנאה פון דעם שבע ברכות, דער אמת איז, אז מיר זענען אלע שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פארן דיין פונעם בית המדרש, וואס טוט אזויפיל פאר די יונגעלייט, סיי אין תורה און סיי אין עבודה, און מוסר, און בעצם דער מהות פונעם מענטש, וואס איז אסאך משפיע. עס קומט כמעט נישט אויס אז די יונגעלייט זאלן קענען ארויסווייזען זייער הכרת הטוב וואס מען האט אין הארץ, אז מען זאל עס קענען מוציא זיין מן הכח אל הפועל. אבער ווען עס איז א זמן פון א שמחה, דעמאלטס שיינט ארויס די נאנטקייט וואס מען האט. איך האב צוגעקוקט ביי די חתונה ווי אזוי אלע האבען אטייל גענומען ווי א גרויסע משפחה, און מען האט זיך מיטגעפרייט מיט א געוואלדיגע שמחה צוזאמען. מען האט צוגעשטעלט א שבע ברכות ווי צו א אייגענע משפחה, מען זיצט רואיג און מען האלט מיט די שמחה, עס איז א אמת'דיגע הכרת הטוב, וואס קומט זיך

אַרויסצוווייזען דאס געפיל וואס מען האט, פאר דעם וואס טוט אזויפיל פאר די טובה און פארן רוחניות פון יעדן איינעם עקסטער.

**עס** איז מוצאי שבת, מען ווייסט אז מוצאי שבת, איז דא א ענין מזכיר צו זיין אליהו הנביא. די זמירות וואס מען זאגט איז אויף אליהו הנביא, און עס איז דא רמזים אין די מספר וויפיל מען זאל מזכיר זיין אליהו הנביא. די וואך אין די פרשה איז דא א רמז אויף אליהו הנביא. ווען אליעזר איז געגאנגען זוכען א שידוך פאר יצחק, האט ער געזאגט, הנה אנכי נצב על עין המים, איך שטיי ביים קוואל פונעם וואסער, ובנות אנשי העיר יוצאות לשאוב מים (בראשית כד-יג), און די בנות אנשי העיר גייען ארויס שעפן וואסער. די ראשי תיבות פון ו'בנות א'נשי ה'עיר י'וצאות ל'שאוב מים, איז אליה"ו. אליהו איז געשטאנען דארט. ווען די בנות אנשי העיר זענען ארויסגעגאנגען שעפן וואסער, איז דא א רמז דא אויף אליהו. ווי קומט אהער אליהו דא צו די פרשה וואו מען רעדט פון א שידוך פון יצחק. וואס פאר א שייכות האט אליהו צו דעם שידוך.

**עס** שטייט אין מדרש די וואך (ב"ר נט-יב), עס איז א אינטערעסאנטע לשון אינעם מדרש. דער מדרש זאגט, אז ווען א מענטש וויל שליסען א שידוך, זאל ער ארויסגיין און הערן ווי אזוי די הונט בילען. ווען ער וועט צולייגען די אויער צו הערן ווי אזוי זיי בילען, וועט ער וויסען צו ער זאל גיין ווייטער מיטן שידוך, צו נישט. וואס איז דער סימן, ווען מען גייט ארויס, און ער הערט אז די הונט בילט, מיט דעם קען מען זיך אראפלערנען צו מען דארף טון דעם שידוך, צו מען דארף נישט טון דעם שידוך.

**איך** האב אמאל געהערט פון **מיין טאטען ז"ל** פשט אויף דעם מדרש, ער האט עס נאכגעזאגט פון **רבי שלמה קלוגער זצ"ל** (מובא **בשו"ת האלף לך שלמה** חלק או"ח השמטות סימן לו), אז ווען מען טוט א שידוך, און מען דארף אינפארמעשא"ן, אמאל אויף די חתן און אמאל אויף די כלה, איז א פראבלעם ווען מען זאל פרעגן דעם אינפארמעשא"ן. פרעגט מען פון א גוטן פריינד, זאגט ער דאך נאר גוטס. אפילו עס איז נישט אמת, וועט ער דאך אויך זאגען אז עס איז גוט. פרעגט מען פון א שונא, וועט דאך דער שונא זאגען אויף אלעם פארקערט, אפילו א זאך וואס איז נישט אמת. ווען מען דארף האבען אינפארמעשא"ן אויף א שידוך, וואו קען מען געוואר ווערן דעם אמת. א גוטער פריינד זאגט נאר גוטס, און א שונא זאגט נאר שלעכטס.

**זאגט רבי שלמה קלוגער**, פון א גוטע פריינד זאל מען נישט פרעגן, ווייל אדם קרוב אצל עצמו, ער איז א גוטער פריינד און ער וועט זאגען נאר גוטס, נישט קאליע צו מאכען פארן חבר. דער שונא וואס זאגט שלעכטס, עס האט אבער א מאס וויפיל שלעכטס א שונא קען זאגען. למשל, ווען דער מחותן איז א תלמיד חכם, קען מען נישט זאגען אויף אים אז ער איז א עם הארץ. אפילו דער שונא קען עס אויך נישט זאגען. דער שונא וועט נאר זאגען אזוי סאך, מען זאגט אז ער איז אזא גרויסער תלמיד חכם, ער איז נישט אזא גרויסער תלמיד חכם. ווייסט מען כאטש על כל פנים אז מען רעדט פון א תלמיד חכם. ווען איינער איז א בעל צדקה, קען מען נישט זאגען אויף אים אז ער עפענט נישט קיין טיר פאר א ארימאן, מען ווייסט דאך אז ער איז מפורסם אין די שטאט אז ער איז א בעל צדקה. ער וועט נאר אזויפיל זאגען, ער איז אזא גרויסער בעל צדקה?! עס איז נישט געפערליך, אנדערע יודען טוען אויך אזויפיל, ער שטרענגט זיך נישט אזוי שטארק אן. פון א גוטען פריינד וועט מען נישט ארויסהאבען דעם אמת, אבער א שונא ווען ער זאגט שלעכטס, קען מען מעסטן ווי אזוי מען זאגט דעם שלעכטס, און מען קען ארויסנעמען דעם ריכטיגען אינהאלט פון וואס מען רעדט. - האט ער געזאגט, אז ביי שידוכים דארף מען הערן וואס די הונט בילען. די הונט ווייזן אויף די וואס רעדן שלעכטס, און פון זיי, ווי אזוי זיי בילען, ווי אזוי זיי רעדן, וועט מען קענען ארויסנעמען דעם אמת אויפן שידוך.

**איך** האב געזעהן שטיין אין **אגרא דכלה** (בפרשתנו), ער זאגט איין חלק, און איין חלק האב איך געזעהן אין **תפארת יונתן** (בפרשתנו), ביידע שטעלן זיך אויף דעם מדרש. זאגט דער **תפארת יונתן**, אז די גמרא (בבא קמא ס.) זאגט, אז ווען מען גייט ארויס אויף די גאס, און מען זעהט אז די הונט שמייכלען, זיי פרייען זיך, איז א סימן אז אליהו הנביא איז דא אין די שטאט. אויב מען גייט ארויס אויף די גאס, און מען זעהט אז די הונט וויינען, איז א סימן אז דער מלאך המות איז אין שטאט. די הונט האבען עפעס א מין געפיל, זיי

ווייסען וואס עס טוט זיך אינדרויסען, צו אליהו הנביא איז דא, צו דער מלאך המות איז דא. ווען אליהו הנביא איז דא, דעמאלטס זענען זיי שוחקין, און אז נישט, דעמאלטס זענען זיי בוכים, וויינען זיי.

**אמאל** איז דא א שידוך וואס איז מר ממות, עס איז ביטערער פון טויט. א אשה וואס איז מושלת עליו, חייו אינם חיים (ביצה לב:), דער פסוק (קהלת ז-כו) זאגט אזוי, אז א אשה רעה איז מר ממות. קומט אויס אז ווען מען טוט א שידוך, וואס איז מר ממות, דרייט זיך דארט ארום דער מלאך המות, און די הונט וויינען דעמאלטס, ווייל דער מלאך המות איז אין שטאט. ווען ער זעהט אז די הונט בילען און זיי וויינען, ווייסט ער אז עס איז דא א מלאך המות בעיר, און ער זאל נישט טון דעם שידוך. און פארקערט, אליהו הנביא קומט דאך מבשר זיין בשורות טובות, און אז עס מאכט זיך א גוטער שידוך, קומט דאך אליהו מבשר זיין א גוטע בשורה, און ווען אליהו הנביא איז אין שטאט, דעמאלטס איז כלבים שוחקין. ווייסט ער ווייסען פון די כלבים, צו אליהו איז אין שטאט, צו דער מלאך המות איז אין שטאט. ווייסט ער זעהן אז די כלבים זענען שוחקין, ווייסט ער ווייסען אז אליהו הנביא איז אין שטאט, און עס איז א גוטער סימן אז ער קומט, ווייל עס איז דא א בשורה טובה. טאמער ווייסט ער זעהן אז די כלבים זענען בוכים, ווייסט ער ווייסען, דער שידוך פון וואס מען רעדט, איז מר ממות.

**אברהם** האט געשיקט אליעזר אז ער זאל גיין זוכען א שידוך פאר יצחק. עס איז זיכער געווען א שידוך מן השמים, אותה הוכחת לעבדך ליצחק, אלעס האט זיך אזוי צוגעפירט אז עס זאל קענען זיין דער שידוך. איז דאך זיכער אז אליהו הנביא איז דעמאלטס ארומגעגאנגען און ער איז געווען בשמחה, עס גייט זיך יעצט בויען דער כלל ישראל, כי ביצחק יקרא לך זרע. ווען די תורה פארציילט, אז ער האט געזאגט, הנה אנכי נצב על עין המים, ובנות אנשי עיר יוצאות לשאוב מים, וואס דא איז דאך דער שידוך פון יצחק. איז מרומז אינעם פסוק, אז ער האט געזעהן אליהו. און אז ער האט געזעהן דארט אליהו, האט ער געוואוסט אז עס איז א בשורה טובה, און עס גייט זיך דא ענדיגען א גוטע שידוך.

*

**מען** זיצט מוצאי שבת ביי א שמחה פון א חשובע חתן כלה, דער אייבערשטער האט געהאלפן דעם חשוב'ן דיין, אז ער האט געטראפן אזא חשוב'ן חתן, עס איז אליהו הנביא בעיר. מוצאי שבת וואס אליהו הנביא איז דא, ער איז מבשר די בשורות טובות, איז די שבע ברכות פון מוצאי שבת צוגעפאסט צו דעם חתן. איך האב אמאל געזעהן שטיין, אז דער אייבערשטער האט געמאכט קפיצת הארץ פאר אליעזר ווען ער איז געגאנגען טון דעם שידוך. לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא, וועט עס נעמען א פאר טאג אנצוקומען אהין, פארוואס האט דער אייבערשטער געמאכט א נס פון קפיצת הארץ.

**עס** איז מוצאי שבת וואס עס איז א ענין צו דערציילען א מעשה. עס איז נישט א מעשה פון א רבי, אבער על כל פנים די מעשה קען מען נוצען. אז עס איז געווען אמאל א יוד, און עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט וואס מען האט א טעלעפאן, אז מען זאל קענען ווייסען פון איין פלאץ אויף די צווייטע פלאץ. און ווען מען האט אנגעטראגען א שידוך, האט מען געדארפט אהינפארן און זיך אינטערעסירן, און געוואר ווערן אינפארמעשאן. מען האט אנגעטראגען איינעם א שידוך מיט גאר א פשוטן מענטש, וואס מען האט צוזאמגערעדט אויף אים אסאך שלעכטס. אבער ווען מען האט אנגעטראגען דעם שידוך האט ער נישט געוואוסט פון ווען מען רעדט, איז ער געפארן אהין זיך אינטערעסירן. ווען ער איז אנגעקומען אפאר דערפלעך פאר דעם פלאץ וואו דער מחותן האט געוואוינט, האט ער זיך אנגעהויבן אינטערעסירן דארט אויף דעם מענטש. האט מען אים געזאגט, אויף דעם מענטש פרעגסטו? ער איז אזוי און אזוי, מען האט צוזאמגערעדט אויף אים. וואו נענטער ער איז אלץ געקומען, האט מען אים בעסער געקענט, און ער האט אלץ געהערט נאך ערגער און נאך ערגערס אויף אים.

**האט** ער געזאגט, אז יעצט פארשטייט ער שוין, פארוואס אליעזר האט געדארפט האבען קפיצת הארץ. ווייל ווען ער וואלט געדארפט פארען אונטערוועגנס, און אין יעדע שטעטל וואלט ער געפרעגט ווער איז בתואל און לבן, וואלט מען אים תיכף געזאגט ווער ער איז, וואלט ער זיך אויפגעהויבן אינמיטן וועג, און ער וואלט זיך

צוריקגעדרייט, און ער וואלט נישט געענדיגט דעם שידוך. האט געמוזט זיין אז עס זאל זיין קפיצת הארץ, ער זאל גארנישט הערן אויפן גאנצן וועג אינדערמיט, און ער איז אנגעקומען און ער האט געטון דעם שידוך, און אזוי איז געווארן דער שידוך פון יצחק.

**דא** אויף דעם שידוך האט מען נאר געדארפט גיין אקעגן איבער, נישט אזוי ווייט, מען האט זיך געקענט פון פאר דעם. מען האט נישט געדארפט האבען קיין קפיצת הארץ, און מען האט קיינעם נישט אויסגענארט, עס איז ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען אויפבויען א בית נאמן בישראל, א שיינע ערליכע יודישע שטוב, מיט אסאך נחת דקדושה ביי דעם קינד און אלע קינדער. און אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן, מתוך שמחה וטוב לבב, אליהו הנביא זאל מבשר זיין פאר אונז בשורות טובות, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.